JAN 6 1920
PUBLIC LIBRARY 43330A ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS
N. Y. Public Library 476 Fifth Ave.
See memo attached

A JEWISH CANADIAN DAILY
Circulated All Over Canada And Abroad

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל

האט איהר שוין א
קליינע סומע ביי
אייך אין הויז?
אויב ניט קומט
אריין און נעמט
איינע פרייע —
עפענט אן
אקאונט בלויז
מיט איין דאלאר

VOLUME VI No 2572 Toronto Thursday January 1 1920 עשרה בטבת פ׳ ויחי תר״פ דאנערשטאג 1טער יאנואר 1920 PRICE TWO CENTS

שטימט היינט אין וואָרד דריי פאר ה. ווינבערג

אידישע מענער און פרויען פון וואָרד דריי — שטימט היינט פאר ה. ווינבערג אלס אלדערמאן.

שטימט בלויז פאר איינעם — פאר ווינבערג׳ן, און אייער שטימע וועט זיין פונקט אזוי גוט ווי איהר וואלט געגעבען פאר איהם דריי שטימען.

שטימט נאר ווינבערג און קיינע אנדערע, און איהר וועט העלפען ערוועהלען א אידישען פארטרעטער.

איהר ווייסט דאך ווי נויטיג עס איז צו האבען א אידישען פארטרעטער אין קאונסיל. ווען דארטען וואלט געווען א אידישער פארטרעטער, וואלט מען ניט אוועקגענומען אזוי פיעל לייסענס פון אידען — עס וואלט געווען ווער עס זאל זיך אננעהמען פאר זיי.

דער קאונסיל וואלט קיינמאהל ניט אנגענומען אזוי פיעל אימיגראנטען פיינדליכע געזעצע — ווען דארטען וואלט געווען אן אויפריכטיגער אידישער פארטרעטער, וואס זאל עס מוטיג באקעמפען.

איהר האט היינט א געלעגענהייט צו ערוועהלען א ריכטיגען אידישען פארטרעטער — נוצט אויס דיזע געלעגענהייט.

מר. ווינבערג וועט ניט ארומשיקען קיין אויטאמאבילען, אדער משולחים, וועלכע זאלען אייך שלעפען צום שטימקאסטען — יעדער איד, מאן און פרוי, וואס איז נאר א שטימגעבער אין וואָרד דריי וועט זיכער אהן דעם ערפילען זיין אידישע פליכט און שטימען פאר אן אייגענעם פארטרעטער.

שטימט היינט אלע אין וואָרד דריי ה. ווינבערג אלס אלדערמאן.

דר. ראזענבלאט, לייאן קאהען און ה. וואלאווסקי זונטאג אווענט אין נייטשאנאל טעאטער

דר. רזענבלאט, וועלכער איז ערשט ן עטליכע טעג צוריק געקומען פון פוילען מיט א ספעציעלער שליחות פון די אהיגע אידען, וועט זונטאג אווענט איבערגעבען זיין שליחות צו די טאראנטאער אידען אין נייטשאנאל טעאטער. דר. ראזענבלאט קומט אין טאראנטא זונטאג פריה מיט דער באגלייטונג פון לייאן קאהן פארזיצענדער פון קאנאדער אידישען קאנגרעס און ה. וואלאפסקי.

דער יונגער פוליש גאליציאנער פארבאנד, וועלכער ארגאנזירט די פארזאמלונג גרייט זיך צו געבען דר. ראזענבלאט א שעהנע אויפנאהמע, ווי אויך גלייך אויפצונעהמען און פארזיכליכען דאס, וואס די אידען פון יענער זייט ים בעטען.

דר. ראזענבלאט, וועלכער איז דער יצע פארזיצענדער פונ׳ם לאדזער שטאדט ראט און מיטגליעדער פונ׳ם איצטיגען פוילישען פארלאמענט, וועט אויך איבערגעבען אלעס וואס די אידען פון פוילען און גאליציען האבען איבערגעלעבט אין צייט פון דער מלחמה, און וואס זיי לעבען אצט איבער.

דר. ראזענבלאט וועט אויך ארויסווייזען ווי אזוי צו קומען אין נאהנטערע באציהונגען מיט די קרובים פון פוילען און גאליציען, אום זיי זאלען באקומען די הילפע וואס ווערט זיי געשיקט.

דר. ראזענבלאט, איז איצט איינער פון די הויפט פיגורען פון די פוילישע אידען.

די טאראנטער אידען וועלען דורך אים באקומען ערשטע האנט אינפארמאציעס וועגען דער לאגע פון די אידען אין פוילען. עס איז זיכער דאס קיין איינציגער איד וועט ניט דורכלאזען די געלעגענהייט צו קומען אים הערען אין נעשאנעל טעאטער.

שניידער יוניאן גיט טויזענט דאלאר צום מלחמה קאנפערענץ

הונדערטער אידען קומען שיקען געלט דורכ׳ן מלחמה קאנפערענץ, צו קרובים אין פוילען — גאלדסטיק ערוועהלט צו דער פיפעלס רעליעף

ביים אלגעמיינעם מיטינג פונ׳ם מלחמה קאנפערענץ וואס איז געהאלטען געווארען דינסטאג נאכט האט די סעקרעטערין מיסעס סיליק באריכטעט דאס די טאראנטער שניידער יוניאן — די אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס — האבען ארייגעשיקט די טויזענט דאלאר וואס זיי האבען צוגעזאגט צו שאפען פאר די מלחמה קרבנות. עס איז באריכטעט געווארען דאס די געלט זאמלונג געהט נאך אן און עס וועט געשאפען ווערען א פיל גרעסערע סומע ווי די צוגעזאגטע טויזענט דאלאר. ביים מיטינג איז אויך אפגעגעבען געווארען א באריכט וועגען דער אלגעמיינער טעטיגקייט פונ׳ם קאנפערענץ.

אלס פארטרעטער צו דער פיפעלס רעליעף פון ניויארק איז ערוועהלט געווארען אויפ׳ן יאהר 1920 דער פרעזידענט מר. מאַרים גאלדסטיק.

אפיס באלאגערט מיט שיקען געלט

פון זייט עס איז געווען אנאנסירט אין ״אידישען זשורנאל״ דאס דער מלחמה קאנפערענץ נעהמט אן צו שיקען געלט צו קרובים אין אייראפעאישע לענדער איז דער אפיס יעדען אווענט באלאגערט מיט הונדערטער מענשען. די סעקרעטערין נעהמט אן דאס געלט און שיקט עס גלייך איבער צו דער הויפט דיסטריבושאן קאמיטע פון ניויארק. געלט ווערט אנגענומען אפסאלוט פריי. די הויפט דיסטריבושאן קאמיטע שיקט איבער אזויפיל דאלארס וויפיל די היגע קרובים גיבען און דארטען ווערט עס אויסגעצאהלט לויט דעם דארטיגען קורס יעדען טאג. אין פאל עס זאל פאסירען אז דאס געלט זאל צוליב אירגענד וועלכער אורזאכע ניט אנקומען דאן וועלען די היגע קרובים צוריק באקומען יעדען דאלאר וואס זיי האבען געשיקט.

די צייט צו שיקען געלט איז יעדען אווענט פון 5 ביז 9 א זייגער. אחוץ פרייטאג, שבת און זונטאג.



מר. הערי ווינבערג

באנדיטען באפאלען א דזשועלערי סטאר

פאליסמאן אהן א רעוואלווער האט זיי שיער ניט געכאפט — שטרענגע באפעהלען צו פאליציי — אנדערע רויבערייען

הפנים אז גנבים האבען רויבער און גנבים האבען אויך מזל. די באנדיטען וואס האבען איינגעווארפען די שטאט טאראנטא אין א פאניק זענען נעכטען שיער ניט געכאפט געווארען. אבער זיי איז געלונגען צו אנטלויפען.

פאסירט האט עס ווען פינף באנדיטען האבען זיך אפגעשטעלט מיט א געגנבה׳טען אויטאמאביל געגען מר. וואטסאנ׳ס דזשועלערי סטאר אין 1506 קווין סטריט. צוויי זענען אריין אין סטאר מיט רעוואלווערען און האבען געפאדערט מזומן געלט. וואטסאן האט זיך געלאזט לויפען צו א הינטער טיר. די רויבער האבען אים נאכגעשאסען אבער די קויל האט ניט געטראפען און קומענדיג אין דרויסען האט ער קענען שרייען נאך הילף דערווייל זענען די רויבער ארויס פון סטאר. א פאליסמאן איז גלייך צוגעלאפען און די רויבער האבען דערזעהען דאס זיי קאנען מעהר ניט אריינשפרינגען אין זייער אויטאמאביל. זיי האבען גענומען לויפען, שפרינגענדיג איבער פארקאנעס און דורך לייגס ביז זיי איז געלונגען צו אנטלויפען דער פאליסמאן וואס איז אנגעקומען אויף דער סצענע איז געווען א נייער ערשט פיר וואכען אין דעפארטמענט און ער האט נאך ניט געהאט קיין רעוואלווער ביי זיך, ווען ער וואלט געווען געהאט א רעוואלווער וואלט ער געווען ארויסגעשאסען און געכאפט איינעם אדער צוויי. עס איז געווען זייער גליק וואס ער האט ניט געהאט קיין רעוואלווער. דער איבערפאל איז געמאכט געווארען אין אווענט ווען הונדערטער מענשען זענען געגאנגען אין גאס, דעם אויטאמאביל האבען זיי געגנבה׳ט נעבען קינג עדווארד האטעל.

שפעטער אין אווענט האבען די באנדיטען אפגעשטעלט קאפיטאן פ. בלעקי און האבען ביי אים צוגענומען 77 דאלאר.

אן איבערפאל איז געמאכט געווארען אויפ׳ן סטיישאן אגענט פון פארט קרעדיט און צוגענומען פופצהן דאלאר.

אלע וועלען האבען רעוואלווערען

טשיף און פאליס גראזעט האט נעכטען ארויסגעגעבען א באפעהל אז אלע פאליסלייט וואס געפינען זיך אין דעפארטמענט וועלען ווערען באוואפענט מיט רעוואלווערען.

אין די גאסען לויפען שוין איצט ארום פאליציי אין מאטאציקלען און אויטאמאבילען און עס ווערען געהיט די סליאדעס פון די באנדיטען.

געזוכטע פערזאנען

פאר יעדען פון זיי איז פאראן א בריף אין דער 55-טער פינפטע עוועניו ניויארק ציוניסטישע ארגאניזאציאן 55 טע 5-טע עוועניו.

רבקה זילבערמאן. ווארשא פראגא טארגאווא 4. וו. 16 זוכט פסח אפטשענא קאנאדע.

דניאל מארשאל ראזעאשטשע וואהלין זוכט אדאלף מארשאל קאנאדע.

א. מאנדעלבוים, סערעט, בוקאווינא. זוכט הערשעל ... וויליאם 237-235 סימפסאן סט. אנטאריא קאנאדע.

מאוטע ברודקי, און אלטער גרינג צוויג פון 29 לאפלענטי עו. טאראנטא. אויערע געבעטען זיך צו מעלדען צו דער

גרוסען פון פוילען

ברוך סמאלקין פון אסיפאוויטש מינסקער גוב. גריסט זיין פאטער אברהם, און זיינע ברידער ישראל, מאיר, אייזיק, און איבר און שוועסטער רחמה חנה, אסתר לאה, חנה מיט זייערע פאמיליעס. מיר זענען געזונד. די לאגע איז א קריטישע דער גרוס איז צו סעם דוואקין סטריט אטאווא.

חנה קאץ פון טאראנטא, ווערט געגריסט פון איהר פאטער רפאל שטערענבאך ווארשא מוראנאווסקא 27. ער בעט שטיצע.

ה. ווינבערג איז דער לעצטער אויפ׳ן באלאט

WARD 3.

JOHN WILLIAM BEATTY
ALFRED ERNEST BURGESS
CONSTANCE E. HAMILTON
WILLIAM HARPER
F. W. JONISTON
CHARLS W. MOGRIDGE
GEORGE MACLEAN ROSE
WILLIAM STEPHENSON

WINBERG
HERRY WINBERG, of the City of Toronto, Publisher X

שטימט צום ערשטען פאר ה. ווינבערג. מר. ווינבערג׳ס נאמען איז דער לעצטער אויף דער ליסטע, זעהט איהר זאלט שטימען פאר אים צום ערשטען.

פארשיעדענע נייעס בקצור

וועט באלד ווערען א מילך הונגער

עס איז פאראן א סברא דאס נאך אין גיכען וועט טאראנטא האבען א מילך הונגער, פיר הונדערט מילך פראדוצירער האבען זיך נעכטען פארזאמעלט צו א מיטינג אין פארעסטערס האל צו נעהמען א שטעלונג געגען דעם וואס די בארד אוו טרייד קאמיסיע האט באשלאסען אז פאר אן 8 גאלאנדיגער קאן מילך טארען די פארמערס מעהר ניט רעכענען ווי 310 זיי פאדערען אבער 3.35.

ציטונגס לייט זענען צום מיטינג ניט אריינגעלאזען געווארען, אבער עס האט זיך פארשפרייט א קלאנג דאס א גרויסע צאל פארמערס האבען פעסט אפגעמאכט זייער מיינונג ניט צו פארקויפען מילך קיין טאראנטא.

עגיפטען פאדערט אפסאלוטע אונאפהענגיגקייט

קאירא דעצ. 31

אויף אן ערקלעהרונג וואס לארד מילנער, דער ענגלישער שליח איינצושטילען די אונרוהען אין עגיפטען, האט געגעבען ארויסגעגעבען איז געקומען אן ענטפער פון דער נאציאנאליסטישער פארטיי וואס באשטעטיגט אז עגיפטען פאדערט אפסאלוטע אומאפהענגיגקייט און ווילען מעהר ניט האלטען אויף זיך דעם פראטעקטאראט פון ענגלאנד. לארד מילנער האט ערקלעהרט דאס ער וויל אויסהערען די מיינונג פון די עגיפטער און זוכען אן אויסוועג וויאזוי צו ברענגען צו א רוהיגער לאגע אין לאנד.

דעניקינס ארמיי אין גאנצען אויסגעראטען

לאנדאן דעצ. 31

נייע באשטעטיגונגען וועגען גענעראל דעניקינס מפלה זענען דערהאלטען געווארען צו דער ״דיילי טעלעגראף״ עס ווערט געמאלדען דאס א-האלב פון זיין ארמיי איז אויסגעראטעט געווארען פון די באלשעוויקעס און די אנדערע העלפט האט רעוואלטירט און זיך פאראייניגט מיט די אוקראינישע רעוואלוציאנערען.

א מיליאן מיט אהאלבען טויטע

בערלין דעצ. 31

אפיציעלע ציפערען וואס זענען היינט פארעפענטליכט געווארען גיבען איבער דאס אין דער מלחמה זענען געטויטעט געווארען אנדערהאלבען מיליאן דייטשען, דאס שליסט ניט איין יענע וואס זענען געשטארבען אין די געפענגנישען.

פארבאטען צו אימפארטירען שנאפס פון אמעריקא

אטאווא דעצ. 31

אן ארדער אין קאונסיל האט פארבאטען צו אימפארטירען שנאפס פון אמעריקא.

פאלעסטינער טויערען וועלען זיין אפען פאר אידען נאכ׳ן שלום אפשליסען

אידען פון אדעס עמיגרירען נאך פאלעסטינא — טראנספארט קאמפאניע ארגאניזירט צווישען ענגלאנד און פאלעסטינא — אלוועלטליכע רעליעף קאנפערענץ אין מערץ אין ציריך — אנדערע אויסלענדישע אידישע נייעס

(אינט. איד. פרעס ביורא)

ניויארק דעצ. 31

ידיעות וואס זענען דא דערהאלטען געווארען גיבען איבער דאס אין פאראנטווארטליכע רעגירונג׳ס קרייזען פון ענגלאנד איז שוין איצט באשטימט צו עפענען די טויערען פון פאלעסטינא און ארייגלאזען א גרויסע אידישע אימיגראציע באלד נאכדעם ווי דער שלום וועט אונטערגעשריבען ווערען.

די נייעס גיט איבער דאס א אידישע דעפוטאציע, פון לאנדאן ענגלאנד האט זיך געווענדעט צו גענעראל בלים, דער גאווערנאר-דזשענעראל פון פאלעסטינא און האט אים פארגעלייגט די גאנצע לאגע. גענעראל בלים האט ביים ענדע פון דער אונטערערונג מיט דער דעפוטאציע געגעבען זיין פארזיכערונג דאס אזוי שנעל ווי די מלחמה רעגולאציעס וועלען ארויסגעצויגען ווערען וועט ערלויבט ווערען א גרויסע אידישע איינוואנדערונג נאך פאלעסטינא.

א ידיעה מעלדעט דאס א גרויסע צאל אידען פון אדעס וואנדערען אויס פון אדעס נאך פאלעסטינא.

נאך א ידיעה מעלדעט דאס אין לאנדאן, ענגלאנד, איז געגרינדעט געווארען א קאמפאניע אנצופירען א טראנספארטאציע צווישען ענגלאנד און פאלעסטינא.

נייעס פון פוילען

א ידיעה גיט איבער דאס די פוילישע רעגירונג האט ערקלעהרט דאס זי וועט באפרייען אלע אינטורנירטע אידען אהן אויסנאהמע.

עס ווערט אויך געמאלדען דאס דער פוילישער פינאנץ מיניסטער גראבסקי האט געהאלטען א רעדע ביי אן אנטיסעמיטישען מיטינג און האט אגיטירט ניט צו האנדלען מיט אידען, נאר קאנצענטרירען דעם גאנצען האנדעל אין פוילישע הענט.

פון ווילנא קומט די נייעס דאס אידען ווערען געפייניגט און געפלאגט, די פאליאקען האבען חרוב געמאכט די אידישע בית הקברות׳ן און האבען דארטען געמאכט שטאלען פאר די פערד, די אידען האבען שוין אויפגעגעבען אלע האפנונגען צו קאנען עפעס אויסווירקען ביי די מיליטערישע קאמאנדירען, ביי פריהערדיגע געלעגענהייטען האבען זיך דעפוטאציעס געווענדעט מיט בקשות אבער עס האט גאר ניט געהאלפען.

עס ווערט געמאלדען דאס אין די לעצטע מוניציפאלע וואהלען פון אדעס זענען איינגעקליבען געווארען אכט אידישע פארטרעטער, זעקס ציוניסטען און צוויי בונדיסטען.

פוילישע צייטונגען ראטען אידען צו פארלאזען פוילען

א ידיעה ברענגט די נייעס דאס פוילישע צייטונגען פרעדיגען ראבע צו נעהמען פון דער אידישער באפעלקערונג און אין דערזעלבער צייט ראטען זיי די אידען דאס דער איינציגער וועג וויאזוי צו באפרייען זיך פון פוילענס צרות, איז צו פארלאזען פוילען.

די אידישע דעפוטאטען פארבשטיין און גרינבוים האבען געהאלטען רעדעס פאר׳ן פארלאמענט און האבען אטאקירט דאס זונטאג געזעץ, וואס אידען ווערען געצוואונגען אפצוהיטען.

רומענישע רעגירונג צוטרייבט אידישען נאציאנאל ראט

עס ווערט איבערגעגעבען דאס די רומענישע רעגירונג האט באשלאסען אפצושאפען דעם אידישען נאציאנאל ראט פון בוקאווינא וואס האט דארטען עקזיסטירט די גאנצע צייט, די רעגירונג באהויפטעט דאס די אידען האבען איצט פארטרעטער אין רומענישען פארלאמענט און דאס איז גענוג, זיי דארפען ניט האבען קיין באזונדערען פארלאמענט.

אין א בריף וואס דר. מאקס נארדוי האט צוגעשיקט צו דער צייטונג ״די צייט״ פון לאנדאן, זאגט נארדוי דאס די ציוניסטישע פירער האבען ניט געהאט קיין רעכט צו האלטען ווייטערע עמטער נאכ׳ן יאר 1915.

א ידיעה מעלדעט דאס די מאסקווער אידישע קאמוניסטען האבען אפעלירט צו די אידען פון דער גאנצער וועלט ניט צו אונטערשטיצען די ציוניסטישע שטרעבונגען, ערקלעהרענדיג דאס די האפנונגען אויסצולייזען די אידען ליגט אין דעם ערפאלג פונ׳ם סאציאליזם.

אלוועלטליכער רעליף קאנפערענץ אין ציריך

א ידיעה צום טאגעבלאט מעלדעט דאס די אידישע דעלעגאציעס פון פארין האבען באשלאסען איינצורופען אן אלוועלטליכען קאנפערענץ וועגען רעליעף ארבייט וואס זאל אפגעהאלטען ווערען אין דער שטאט ציריך, שווייץ, אין חודש מערץ

קענעדער עפענטליכע מיינונג פאדערט די באפרייאונג פון לעגיאנערען

דורך דער טעטיגקייט פון די עלטערען פון די פאראורטיילטע טאראנטער לעגיאנערען: שטראנסמאן און קערגערמאן, און מיט דער הילף פון היגע באקאנטע ביזנעסלייט וועט אפשר געלינגען צו באאיינפלוסען די קענעדער רעגירונג אויסצואווירקען די באפרייאונג פון די צוויי טאראנטער לעגיאנערען צוזאמען מיט די איבריגע פון קענעדע.

די עלטערען האבען ארויסגעלאזען א פעטיציע און זאמלען אונטערשריפטען בעטענדיג די רעגירונג אויסצואווירקען זייער באפרייאונג.

די פעטיציע מאכט אויפמערקזאם די רעגירונג, דאס פאר קענעדער סאלדאטען איז ארויסגעגעבען געווארען א גענעראל אמנעסטיע, וואס האט באפרייט די קענעדער סאלדאטען פון אלע זינד געגען די מיליטערישע געזעצע.

די פעטיציע בעט די קענעדער רעגירונג, דאס טראצדעם וואס די לעגיאנערען זענען סאלדאטען פון דער ענגלישער ארמיי און ניט פון דער קענעדער, קאן אבער די קענעדער רעגירונג, דערפאר וויל זיי זענען בירגער פון קענעדע, בעטען פאר זיי רחמים ביי דער ענגלישער רעגירונג צו שענקען די שטראף און זיי גלייך באפרייען.

די טאראנטאר ענגלישע צייטונגען האבען זיך גאנץ פריינדליך אפגערופען אויף דער פעטיציע, אלע אונטערשטיצען די בקשה פון די לעגיאנערענ׳ס עלטערען.

אן אומזיסטער בלבול געגען סי. א. ב. בראון

אין וואָרד דריי האט עפיס איינער פון די קאנדידאטען פאר דער באהרד אוו עדיוקיישאן ארויסגעלאזען א הענדביל אויף אידיש באהויפטענדיג דאס מר. סי. א. ב. בראון וועלכער איז אין דער באהרד אוו עדיוקיישאן פון יענעם דיסטריקט שוין א משך זמן איבער דרייסיג יאהר, איז א געגנער פון אידען. הפנים אז מיט די אידישע וועהלער ערלויבט מען זיך אלעס צו טון, דער הענדביל איז א בלבול און אידען ווייסען דאס.

ניזאם
טערקישע סיגארעטס
10 פאר 18 סענט
2 פעקעדזשעס פאר 35 סענט

דער פארברעכער

אן אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן, אויס דעם אידישען לעבען פון פוילען און קאנאדא.

באארבייט פאר'ן „אידישען זשורנאל

פון י. ב—ם

(69־טע פארזעצונג.)

אזוי שנעל ווי באשע האט פארלאזען דאס האספיטאל, איז זי אוועק צו דער ריכטונג פון דער קריסטין, אום זי פארצובעטען פאר מארגען אוונט מיטצוגעהן מיט איהר אין האספיטאל.

די קריסטין וועלכע האט געוואוסט פון פריהער, אז זי דארף געהן אין דער פריה אין האספיטאל מיט לייזער'ן נאכ'ן קינד, האט שוין געזעהן אז זי היטען זיך איינער פאר'ן צווייטען. אבוואהל זי האט ניט געוואוסט אז דאס זענען מאן און פרוי. זי האט דארום א זאג געטאן צו באשען.

— זענט איהר זיכער אז איהר באקומט דאס קינד?

— א שעהנע פראגע! איך קום נאר וואס פון האספיטאל.

— האט איהר גערעדט מיט דעם דאק

— האט איהר גערעדט מיט דעם דאק

— ניין.

— טא ווער גיט עס אייך ארויס, האט די קריסטין געפרעגט.

— די נוירס וועלכע באהאנדעלט דעם קינדס מוטער.

— טא הערט, האט די קריסטין באוואונדערט, איהר געשפרעך, מען נארט אייך. די נוירס קען אייך דאס קינד ניט געבען, סיידען דער דאקטאר הייסט, זי קען עס פון איהם באקומען, אבער ווען איהר וועט קומען דערנאך וועט מען פון אייך פאדערען א גרויסע סומע געלט. בעסער זיצט אין דער היים, איהר גיט מיר דאס, וואס איהר האט פארשפראכען צו דער נוירס, און מארגען אוונט וועט דאס קינד זיין ביי מיר אין הויז.

באשען איז דער פלאן געפעלען געווארען, זיצען אין דער היים, און זיין רוהיג איז גוט.

— וואס וועט אבער זיין ווען איהר וועט עס ניט באקומען? האט באשע געפרעגט.

— דאמאלס וועל איך אייך רופען.

באשע האט פארשפראכען נאך אין אוונט צו ברענגען דאס געלט, און דערביי נאך געבען דער קריסטין אן איבריג פנעריל.

צו דער באשטימטער מינוט, איז לייזער מיט דער זויגערין געקומען אין האספיטאל, דערלאנגט דער נוירס די פארשפראכענע סומע, און צוזאגענדיג אויף דער קריסטין האט ער א זאג געטאן:

— אט דאס איז די זויגערין פונ'ם קינד.

ביידענס אויגען האבען זיך באגעגנט.

— א, וואס מאכט אייער טאכטער, האט די נוירס א פרעג געטאן די קריסטין, אזוי שנעל ווי לייזער האט איהר פארגעשטעלט.

די קריסטין האט ניט געענטפערט, א וואונק געטאן צו דער נוירס, און ביידע זענען אוועק אין דער זייט פונ'ם צימער.

— אט דא האט איהר די סומע, וואס די פרוי האט אייך געשיקט, וועלכע איהר האט געהייסען קומען אין אוונט. איך האב עס ספעציעל געטאן, אום אייך ארויסצוראטעווען פון דער קריטישער לאגע, נעבענדיג איין קינד צו צוויי זויגערינס.

— מיך קויפט מען ניט אזוי שנעל, האט די נוירס ביז געענטפערט, און דו וארפסט באצאהלען דיין חלק, וואס עס קומט פון דיר.

— געמאכט — האט די קריסטין געענטפערט, און אריינגעשטופט איהר א האנד א פאפירעל.

די נוירס איז ארויס פונ'ם צימער, געהייסען ביידע ווארטען, ביז זי וועט זיי ארויסלאזען זיך אונטערצושרייבען אז זי נעהמען דאס קינד.

עטליכע מינוטען זענען פאריבער, און די נוירס איז מיט א שנעלקייט אריינגעקומען, זאגענדיג לייזער'ן אז ער מוז ברענגען זיין פרוי אין האספיטאל, אום ביידע זאלען זיין פאראנטווארטליך דערפאר.

ווי א דונער וואלט איהם געטראפען, אזוי איז לייזער געבליבען זיצען א דערשלאגענער. ער האט פארלארען זיין קול, צוריקגעפאלען אויף א שטוהל, און שטאמלענדיג גערופען די נוירס צו זיך.

די נוירס איז צוגעקומען נעהענטער צו איהם, זיך איינגעקוקט אין זיין פנים, געזעהען זיין ציטערען און ווארפען זיך, און איהר איז קלאהר געווארען, אז ער איז דער פאטער פונ'ם קינד. זי האט דארום אויסגענוצט דאס געלעגענהייט, און א זאג געטאן:

— פעטער, איהר וועט דא ארעסטירט ווערען פאר וועלען אויסנארען דאס קינד, אויב איהר וועט ניט געבען הונדערט רובעל. איך ווייס אלעס, און דערפאר האלט מיך ניט אויף. הונדערט רובעל, אדער איהר געהט מעהר פון האספיטאל ניט ארויס.

לייזער איז בלאס געווארען. ער האט ניט געוואוסט צו ער לעבט אדער חלומ'ט זיך איהם. די קריסטין האט דאס אלעס צוגעהערט, זי איז אבער געשטאנען פון דער ווייטענס, זיך צוגעקוקט צו דער סצענע און געשוויגען.

ניט ריידענדיג א ווארט, האט לייזער ארויסגענומען א פעקעל מיט פאפיער־געלט, אפגעצעהלט הונדערט רובעל און דערלאנגט דער נוירס. זי האט זיי איבערגעצעהלט, און ארויס פונ'ם צימער, קומענדיג צוריק גלייך מיט א ביכעל אין דער האנט.

— אט דא שרייבט זיך אונטער, און אייך איהר, האט זי געזאגט צו דער קריסטין, און גלייך וועט אייער פארלאנג ערפולט ווערען.

ביידע האבען זייערע נעמען פארשריבען אין בוך, און עטליכע מינוטען שפעטער האט א דראזשקע געקלאפט איבער די ראדאמער גאסען, פיהרענדיג די פרוי מיט'ן קינד צו איהר הויז.

(ווערט פארגעזעצט.)

דר. מ. פיוניק
דענטיסט
שמערצלאזע עקסטראקשאן פון ציינער
קאר. קווין און ספעדינע עוו. רום 2
טעלעפאן ארעליוו 4967

קאהען און קאהען
בארריסטערס און נאטארי פאבליק
א. א. וו.
סאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט
מעין 2684.
אברהם קאהען נארט 367
סאמיועל קאהען דזשאנקשאן 1545

דר. ד. א. סיגעל
דענטיסט
קארנער דאנדעס סטריט און ספעדינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלעדזש 6073.

פערזיכערט אייער צוקונפט
און מאכט א גוטען אינוועסטמענט ביי ארויסנעהמענדיג א פאליסי פון די
מיוטשועל לייף אינש. קא.
אף ניו יארק
דיזע קאמפאניע האט לעצטען יאר געצאהלט פון 10 ביז 19 פראצענט דיווידענד צו איהרע פאליסי האלדערס
איך נעהם אן אלערהאנד אינשורינג זא ווי פייער, לייף, עקסידענט, פלייט גלאז, אויטאמאביל, בורגלארי און רייזעס.
M. Brown 147 Seaton St.
Phone M. 2364

דער היינטיגער קורס
פוילישע מארקס
1000 „ $11,80
פוילישע קראנען
1000 „ $9,60
גוראפסקי
113 קווין סט. וועסט

פאר וואס איהר זאלט היינט שטימען פאר מעקבריידן

שטימט היינט מעקברייד פאר מעיאר, און איהר וועט זיין זיכער, אז איהר האט געשטימט ריכטיג און גוט, געשטימט פאר'ן פאסיגען מענשען.

מעקברייד איז דער מענש, וואס שרעקט זיך ניט פאר קיין זאך, און אזא מענש דארף האבען טאראנטא אויפ'ן מעיאר שטוהל.

פאר אידען האט מעקברייד אויך פיעל אויפגעטאן — און ער דארף היינט באקומען די אידישע שטימען.

מעקברייד האט פארטיידיגט דאס רעכט פון די אידישע "ניוס באיס", פון וועלכע מען האט געוואלט אוועקנעהמען זייערע סטענדס.

מעקברייד האט איינגעווירקט, אז מען זאל אויפ'ן קארנער טשעסטנאט און עדווארד סטר. אוועקשטעלען א סטענד פאר די אידישע עקספרעסלייט.

מעקברייד קעמפט אינטערעסאנט פאר יעדען, נעוועז וואס איז אין די אינטערעסען פון יעדען בירגער, און ער איז ניט פארקויפט צו קיינעם.

שטימט היינט מעקברייד פאר מעיאר.

99 שטעדט אין ווילנער ראיאן און וועלכע מען קען גרייכען פון אמעריקא

די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע מאכט בעקאנט דאס די פאלגענדע שטעדט און שטעדטלאך אין ווילנער ראיאן, וועלכע זיינען יעצט אין פוילישע הענד קענען געגרייכט ווערען פון אמעריקא איבער פוילען מיט בריעף און געלד זענדונגען.

אייזשישאק, אסטראוועץ, אליטעניקי, איוויע, אסטרין, אראן, אינטורקי, אבוזאן, אשנואן, אנקראלישעק, אינגלינא.

בעזדאוו, ביעליצי, ביניאקאני, באריסאוקא, באגאמאלניק, בוטריימאניז, ביסטריצא, בוטען.

גארדישיץ, גור נארעדעק, גערוואטי, גומבע, גארטישקי, גאנזשישאב, גערדראאי.

דעלאטיטש, דזיווינישאק, דעקשנא, דעלישקי, דובינקי.

ווילנא, וואלאזשין, וועליטשאן, ווארנאווא, ווארניאני, ווילייקא, ווילניאווא וואסילישאק.

זאלודאק, זופראן, זוראטיש.

טראק, טראב, טורגעל.

יאנישקי, יאשנא.

לופע, ליפינישעק, לימאנאווא, לודוואראווא, ליעפון, לעבונישאק, לינגמיאן, לינטופי.

מיכאלישאק, מאלאדעטשנע, מיאדיאגאלא, מיאלאט, מעריץ.

ניישטאדט, נאוואווילייסק, נאוואגרודאק, נאווא סווענציאן, נאווי דואר, ניעמענאזיני.

סוענציאן, סובאטניק, סעלוב, סטאלאוויץ, סאלי, סאפראוו, סוויר, סעלעטשניק, סווימיליסקי, סטאקלישאק, עזנא, סעלעטשניק.

פאדרעצע, פאדבראדזע, פאסקימעלישקי, קאוועלעשקי, קאלטאווי, פאוסישאק.

טעיאני, קאמאי, גיענא קארעליץ קורעניץ, קאבעלניק.

ראדושקי, ראדאוויטי, ראדון, רדקאוו.

שירווינט, שטוצין, שווענטאק, שעציאל.

געלד נאך די אויסגערעכנעטע שטעדט און שטעדטלאך קען געשיקט ווערען פריי אהן קאסטען דורך די אפיסעס פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע.

טעלעפאן ארעליוו 5615
דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קאר. מיטשעל סטריט)
טאראנטא

פעלדמאן און פיוניק
קלינערס דייערס און פרעסערס
מיר נעמען אן ארבייט און מיר דעליווערען דעם זעלבען טאג אונזער ארבייט איז גאראנטירט אויך קויפען מיר און מיר פארקויפען קלאדינג און פאר קאוטס ריטייל און האלסייל
822 דאנדעס וועסט

בריעף קאסטען

מרס. עדעלשטיין, משעטהעם.

איהר קענט דערווייל אייער ברודער נאך ניט אריבערברענגען, ביז וואנען די גאנצע עמיגראציאנס פראגע וועט געלעזט ווערען. אויב אייער ברודער קען באקומען א פאספארט פון דער פוילישער רעגירונג אויף ארויסצופאהרען, און אויב ער איז געזונט און קען נאכקומען אלע אימיגראציאנס געזעצע, וועט ער ניט האבען קיינע שוועריגקייטען ביים לאנדען. איהר קענט אהין שיקען געלד דורך די פארשיידענע בענקס אדער דורך דער דזשאינט דיסטריבושאן קאמיטע.

קאנפערענץ פון רומענישע ציונים אין בוקארעסט

לעצטען אקטאבער האט אין בוקארעסט שטאטגעפונען א דריי טאגיגער קאנפערענץ פון די רומענישע ציונים. עס איז צווישען אנדערעס באשלאסען געווארען צו גרינדען א העברעאישע סעמינאריום.

נאך דעם קאנפערענץ איז אין בוקארעסט געגרינדעט געווארען א אידיש נאציאנאלע פארטיי פון דער שטודירענדער יוגענד. עס איז אויך געגרינדעט געווארען אן אין רומעניש - אידיש - נאציאנאלע סטודענטען קאנפעדעראציע.

דער אפיס וואס האט באלאנגט צו
דר פאומאן און
דר. סיגעל
ווערט יעצט איבערגענומען פון
דר. פאומאן
און דאקטאר פאומאן אליין וועט פון יעצט אן און ווייטער אטענדען צו די פאציענטען.
ראיעל בענק בילדינג
קארנער טשעסנאט און דאנדעס סטריט

אפיס טעלעפאן מיין 5040
און מיין 5041
הויז טעלעפאן קאלעדזש 7009
י. וו. בראדי ב. א.
און
האלים, ווילסאן און בראדי
בארריסטערס סאליסיטארס נאטאריס א. א. וו.
געלט צו לייהען
[illegible] טעמפל בילדינג טאראנטא
קארנער ריטשמאנד און בעי

נאך ראיעלע אינשורענס פאליסעס
ווענדעט אייך צו
ל. ווהייט
109 גארוויל עוו..
איינער וואס פארשטעהט די אינשורענס און גיט די בעסטע עצה
טעלעפאן קאלעדזש [illegible]

בלום און וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פראקטיש
אלס מוהל
אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט. לייט סענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.
וואהנונג 68 בראנזוויק עוועניו און טעלעפאן קאלעדזש 1070

ביזנעס שאנסען

טעלעפאנירט ארעליוו 153
פאר מעסענדזשער.

אלע סארטען שערען געשארפט און געשליפען פון 10 סענט און העכער. אלע סארטען רייזער־בליידס געשארפט. אויך די געוועהנליכע רייזערס געשארפט און געשליפען און אריינגעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס. מיר קומען נאך דער ארבייט. די זולערס, שארפער, רעג. 180 באטהורסט סט. טאראנטא אנט.

פלאמבינג און היטינג קאמפארט קא. מיר מאכען אלע ארבייטען ביליג בעסטע צופרידענהייט גאראנטירט 493 קווין סט. וועסט טעלעפאנירט ערליוו 5277 קומען מיר גלייך מאכען דעם דזשאב.
* * 9443

ספעשעל צו קלינערס און סעקאנד הענד סטארס

מיר נעמען אן ארבייט צו קלינען און פארבען און פרעסען, טעלעפאנירט קאל. 2628 וועלען מיר קומען נעמען אייער ארדער און אייך דעליווערען. סיטי דאי ווארקס לימיטעד 349-51 קאלעדזש סטריט.
9509—6—11

דר. ס. פערלמאן
דענטיסט
341 באטהורסט סטריט.
טעלעפאן קאלעדזש 5720
גיט אכטונג אויף דער גרויסער עלעקטרישער שילד
ברידזש ארבייט צו מעסיגע פרייזען
אפען אין אוונט.

דאקטאר
יוליוס לעוויז
דענטיסט
אפיס: 382 קווין וועסט קארנער ספעדינע עוו.
ווענט אפאינטמענטס טעלעפאנירט קאלעדזש 766.

יעקב מ. בענעט
(פון בענעט און קעמעראן)
בארריסטערס, סאליסיטערס, נאטאריעס א. א. וו.
2961 דאנדעס סטר. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077.
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 983.

ווענט ראיעלסטע און בעסטע אויס קויפען פאר אינשורענס ווענדעט זיך צו
פ. ליוואי
ספעשעל לייף אינשורענס אגענט
P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8101

הוסטען און פארקיהלונגען מיינט שלאפלאזע נעכט
מיט יעדער שטונדע, וואס מען פארלענגערט א פארקיהלונג איז פארהאן א געפאהר. העלפט צו דער נאטור געזונט צו ווערען, געברויכענדיג
Dr. Macey's Cough Cure
פרייז 35 סענט. פארקויפט נאר ביי
Claude J. Halloran
דראגיסט
202 Dundas W. Cor. Centre Av.
TORONTO

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאניע

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.
מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן ערלייד 3087
אוונטען און יום טובים טעלעפאנירט קאל. 5619
NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

167 יוראן סטר. פראנט בריק הויז 26 ביי 130 אלע קאנוויניענס דעקארירטער אפטוריום, ביליג קעש $1400 פרעגען דזשאנקשאן 2168.
9730—1—5

275 דאנדעס סט. וועסט צו פארקויפען אדער פארענטען, גרייט צו מופען, וועבער 233 סימקאו סט.
9790—1—1

צו פארקויפען אין הענדי קאט סטאר מיט אבער פראנט און ערשטע קלאס [illegible] 56 בעלוויו עוועניו.
9794—1—2

צו פארקויפען א סטאר פון ליידיעס [illegible] עטאבלירט 15 יאהר גוטע [illegible] נאכפרעגען 6 דעניסאן סקווער, שטילבערג
9748—1—2

פיטינג רום מיט א פאטשין 20 [illegible] אין א קאטינג טייבעל צו פערקויפען 894 בלור סטר. וועסט טשערי קאל. 7988
9782—1—1

איבערצוגעבען א הויז אין סטאר אין 183 מיקאל סט. נאכפרעגען באלדווין סט.
9767—1—4

צו פארקויפען א סינגער סויאינג מאשין מיט א סעפערעט מאטער אויך א טייבעל און נאמבער 20־44 סינגער העדעס מוז צו נייען סילק און קאטען 376 קאלעדזש סטר.
9764—1—1

60 סוטס צו פארקויפען סעקאנד הענד אמעריקאנער גודס, מוז שנעל פארקויפט ווערען 40 מיקאל סטר.
9782—1—5

צו פערענטען

א פלעט פון 4 רומס צו פארדינגען ביליג רענט, נאכפרעגען 110 גריינדזש עוו.
9712—1—1

צו פארענטען א 9 רומיגע הויז, נאכפרעגען 135 סט. פעטריק סט.
9687—1—1

5 רומיגע הויז מיט אלע מאדערנע בעקוועמליכקייטען גאז, עלעקטריק הייסע און קאלטע וואסער, באד, פורניס גלייך אריינצומופען, פרעגען 143 סענטער עוו.
9726—1—2

צו פארענטען א פלעט פון 4 רומס איבער א דריינגודס סטאר גאז, עלעקטריק און היטינג $25.00 א מאנאט 374 ספעדינא עוו.
9770—1—2

צו פארענטען סטאר מיט וואוינונג 769 דאנדעס סט. וועסט נאכפרעגען 209 פאלמערסטאן עוו. אדער 760 דאנדעס סט. וועסט
9757—1—1

צו פארענטען איינע אדער 2 פורנישד רומס, טעלעפאנירט קאל. 3526
9758—1—4

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס נאכפרעגען 54½ סט. פעטריק סטריט
9776—1—2

א באקוועמע פורנישד רום פאר איין אנשטענדיגען מאן אדער 2, אלע קאנוויניענס נאכפרעגען 12 דעניסאן סקווער קאלעדזש 5202
9787—1—4

צו פארענטען 2 שעהנע רומס מיט אלע קאנוויניענס פארנישד אדער ניט געפורנישד נאכפרעגען 391 מארקהעם סט.
9778—1—4

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס גאז עלעקטריק און פיקטשורס מיט הייסע וואסער ניי דעקארירט 254 בעלוואודס עוו.

צו פארענטען א פלעט מיט אלע קאנוויניענס נאכפרעגען 191 באלדווין סט.
9785

לערענט דעזיינינג פאר מענער קליידער
ב'פארזיכער אויסצולערנען אין א קורצע צייט דעזיינינג מיט גוטע רעזולטאטען. פרובירט מיינעם א פעטערן
מר. פרידמאן
27 בארדאי סטריט
פאן קאל. 3560
8778—1—23

מצבות

פון מארבעל און גראניט
ווערט געמאכט ביי
קעמינס און סאן
וויא אויך סיינס צו מעסיגע פרייזען
טעלעפאן ערליוו 5.957
120־118 טעראלי סט.
טאראנטא.

ארבייטער פערלאנגט

עקספיריענסד טרימערס אדער גוטע מיידלאך צו לערנען די טרייד סטעדי עמפלאָימענט און גוטע ווידזשעס קענעדיען פענאמא קא. 585 ריטשמאנד סטר. וועסט 4טען פלאר.
9752—1—4

פערלאנגט עקספיריענסד פינישערס אויף ליידיעס סוטס און קאוטס סטעדי ארבייט צו[illegible] אין מיסעס קאסטעס ספעדיינא־עוועניו 96
9775—1—2

פרויען פערלאנגט צו סארטירען וויסט פייפער 24 סענט א שטונדע און 50 שטונדען א וואך. י. פולען 20 מאד סט.

אפערייטארס און סעמפעלערס צו רייןקאוטס פערלאנגט סטעדי ארבייט. טאראנטא וואטערפרוף מאנופעקטשורינג קא. 225 ריטשמאנד סטר. וועסט.
9713—1—2

פערלאנגט שניידערס צו קאסטאם ארבייט, העכסטע ווידזשעס, נאכפרעגען מ. ראזענבערג 197 קינג סט. וועסט קיטשענער אנט.
9732—1—2

ערשטע קלאס האנד באטאן האל נייערס פערלאנגט 166 נאיאגרא סטר.
9727—1—4

פערלאנגט א מיידעל צו ענטווערען דעם טעלעפאן און ארבייטען אויף א פאוער מאשין גוטע ווידזשעס און סטעדי ארבייט רוליינס בעדינג קא. 200 באלדווין סטר.
9725—1—1

עקספיריענסד קאטערס צו לייזיס סוטס דאמיניאן קלאוק קא. באטהורסט און וועלינגטאן סטר.

פערלאנגט א מיידעל וואס קען נעהען אויף א מאשין צו קעפס לייגינג נאכפרעגען דאמיניאן קעפ קא. 382 עדלייד וועסט.

פערלאנגט א טרעוועלער צו א קלאוק מאנופעקטשורינג ביזנעס אלעס פארטנער. נאכפרעגען שריפטליך זשורנאל באקס 944
9676—13—2

פערלאנגט אפערייטארס צו דאלס דרעסעס סטעדי ארבייט גוטע ווידזשעס 8 שטונדען א טאג נאכפרעגען דיוויס טוי קא. 107 ריטשמאנד סט. איסט.
9774—1—4

פערלאנגט קאטערס אפערייטארס פינישערס און פרעסערס נאכפרעגען ברענטש אמעריקאן קאסטאם קא. 39 לאמבארד סט.
9773—1—2

פערלאנגט עקספיריענסד סקוירט אפערייטארס ווענדען זיך זאפארט נאכפרעגן בראדעס 534 קינג וועסט.
9781—1—2

קלאוק און סוט אפערייטארס פארלאנגט אויך פינישערס און באטאן נייערס, סטעדי ארבייט ווענדעט זיך 6 וועלינגטאן וועסט.
9755—1—1

פערלאנגט א שו"ב פאר ניעגרא פאלס און אומגעגענד, אן אנשטענדיגע לעבען צו מאכען, פאר דעם פאסענדען פערזאן, מוז קענען לערנען מיט קינדער און טוגלען פליישיג נאכפרעגען ביים סעקרעטאר
9723—1—4

מיידלאך גוטע האנט נייערס פערלאנגט א. ראטד און קא. 439 קינג וועסט
9756—1—2

מיידלאך צו אפערייטען רייעס, באטען האל מאשין א. ראטד און קא. 439 קינג וועסט.
9754—1—2

פערלאנגט עקספיריענסד פינישערס צו קאוטס סטעדי ארבייט העכסטע ווידזשעס נאכפרעגען פערפעקשאן טשילדרענס קלאוק קא. 118 ריטשמאנד סט. וועסט.
9771—13—2

פערלאנגט א דרעסמייקער אין א לידיס רעדי־טו־וועיר סטאר זי זאל זיין זייער געשיקט צו פערקויפען און לייזען א גוטען ענגליש סטעדי פאזישאן און גוטע ווידזשעס די ריכטיגע זאל זיך מעלדען אין 119 דאנדעס סטר. וועסט.
9715—1—4

פארלארען א בלו סוירטש, וועסט דינסטאג אוונט דער געפינער וועט קריגען גוט באצאהלט לאזט וויסען 108 גריינדזש עוועניו קאהן
9784

פערלאנגט א מיידעל אין אין אפיס צו ענטפערען דעם טעלעפאן און זיין נוציג אין אפיס נאכפרעגען 523 קווין סט. וועסט.
9777—1—1

אויף איין פארטי פון מר. לייזער יאקאבאוויץ פון 249 יוניווערסיטי עוו. איז געזאמעלט געווארען 21.00 פאר די מלחמה ליידענדע די געלט איז געזאמעלט געווארען דורך מר. יאקאבאוויץ ביי געבען א גוטען סאנג זאל ער לאנג לעבען און האבען פיל בווירט פארטים און אימער זינגען.
15532

אין „פאלאס קאורט"

ווי אזוי א דין ברעכט א מנהג.

דאס אלטע ווערטעל, אז א „מנהג ברעכט א דין" האט ניט געגאלטען נעכטען אין פאלאס־קאורט, ווען ריכטער קינגספארד האט באשטראפט צוויי איטאליענער, דזשאהן פרערא און דזשאהן איצאטא מיט $100 און געריכטס־קאסטען פאר מאכען גרייפס וויין.

„עס טוט מיר זעהר לייד — האט דער ריכטער ערקלעהרט. — איך בין זיכער, אז זיי האבען ניט געמאכט דעם וויין ווייל זיי האבען געוואלט ברעכען דאס געזעץ, נאר ווייל עס איז ביי זיי א מנהג צו באנוצען זיך מיט א סארט משקה, וואס איז בעקאנט אלס „איטאליענישער וויין". זיי דארפען אבער צאהלען די שטראף פון געזעץ, ווייל זיי האבען געקענט זעהר גוט ארויסנעהמען לייסענס, אויב זיי וואלטען אנגעהאלטען די פראדוצירונג פון זייער נאציאנאל'ען געטראנק".

לאיער א'קאנער האט שטארק געקעמפט מיט'ן ריכטער, אויספיהרענדיג, אז לויט דעם „עקט" זיינען זיי באשילדיגט אין מאכען „ביער אדער מעיט", וועהרענד דער וויין איז ב'כלל אן איינפאכער געמיש פון גרייפס מיט וואסער.

אבער מר. סניידער פון „אינלענד רעווענוי דעפארטמענט" האט גע'טענה'ט, אז יעדע פראדוצירונג פון אירגענד וועלכען וויין, וואס ענטהאלט אין זיך א נאטירליכע שטארקייט („נעט־עוויש פערמענטאיישאן") איז געגען דעם „אינלענד רעוועניו עקט".

* * *

מאנטרעאלער אידישער חברה־מאן באפרייט

לואי אסטראף, וועלכער איז מיט איניגע וואכען צוריק ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון וואגאבאנדריי, און וועלכער האט א לאנגען קרימינעלען רעקארד ביי דער מאנטרעאלער פאליציי, איז נעכטען פון ריכטער קינגספארד באפרייט געווארען, אבער מיט דער באדינגונג אז ער מוז זאפארט אפפאהרען פון טאראנטא.

אינספעקטאר מעקיני האט ערהאלטען א בריוו פון די מאנטרעאלער פאליציי־בעאמטע, אז אסטראף איז די לעצטע צייט געווען באשעפטיגט אלס פארטנער אין א רעסטאראן ביזנעס, אויף דארטשעסטער סט. מאנטרעאל. דאס איז א באשטעטיגונג אויף דער ערקלעהרונג וואס אסטראף האט מיט א פאר וואכען צוריק געמאכט אין פאלאס־קאורט. אבער דער ריכטער האט דעמאלט אינסטרוירט דעם אינספעקטאר מעקיני אויסצופארשען אויף ווי ווייט אמת זיין טענה איז.

לואי אסטראף, איז א זוהן פון א פראמינענטען אידישען ביזנעס־מאן אין מאנטרעאל, איבעריגענס, אזוי האט ער איהם ערקלעהרט מיט א פאר וואכען צוריק אין קאורט.

* * *

15 מאנאטען בורזואש רעפארמאטארי פאר א יונגען אינגעל.

מארקוסקוטין, א באי פון 19 יאהר איז נעכטען פון קוירנעל דעניסאן פאר־אורטיילט געווארען אויף 15 מאנאטען אינדוסטריע רעפארמאטארי. ווען דער באי האט אויסגעהערט דעם אורטייל, האבען זיך טרעהרען געגאסען פון זיינע אויגען.

קוטין האט שוין א לאנגען פאלים־רעקארד, און נעכטען האט ער אויף זיך גענומען 4 „קייסעס" מיט א מאל. דריי פאר שווינדעל און איינע פאר „שאפ־ברייקינג".

לאיער הארקינס האט שטארק אפעלירט צום ריכטער, ער זאל נעהמען אין אנבעטראכט, אז דער באי איז בלויז 19 יאהר אלט און פארגרינגערען די שטראף — כלל הפחות אויסבייטען פון בורזואש אויף דזשייל־פארם — אבער דער ריכטער האט אנטזאגט. „איך גלויב ניט, אויב עס איז דא א „צו שווערע שטראף פאר איהם", האט דער קוירנעל ערקלעהרט.

* * *

„האו דו יו דו?"

אט פאר דיעזער פריינדליכער באגריסונג, האט פרעד טאסקי, א רוס, נעכטען באצאהלט $5 און קאסטען.

די מעשה איז אזעלכע;

זונטאג איז זיך טאסקי געגאנגען פאר א שפאציער און אנגעגנענדיג א מיידעל, האט ער זי באגריסט מיט'ן באוואוסטען „האו דו יו דו".

האט זיך ס'מיידעל געפיהלט באליידיגט פון דער באגריסונג און אנטלאפענדיג א פאליסמאן, האט זי געהייסען דעם „דזשענטעלמען" ארעסטירען.

נעכטען איז טאסקי פאר'ן געברענגט געווארען פאר ריכטער קינגספארד, און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אלעס וואס ער האט געקענט פון דער ענגלישער שפראך, איז „האו דו יו דו", מעהר ניט א ווארט.

רופט מען צו דעם אינטערפרעטער „פראפעסאר" מארקאוויטש, און ס'ווייזט זיך ארויס, אז טאסקי האט נעבעך א טעות געהאט, ער האט געמיינט, אז ס'איז זיינע א באקאנטע, שיקסע, מיט וועלכער ער קען זיך נאך פון דערהיים.

האט זיך דעם ריכטער די מעשה ניט געלעגט אויפ'ן שכל און האט באשטראפט אז דער „האו דו יו דו" זאל טאסקי'ן קאסטען $5 נאך מיט א „סמיטשיק" פאר געריכטס־אויסגאבען.

* * *

משקה סוחרים צאהלען שטראף.

דריי משקה סוחרים זיינען נעכטען פארגעבראכט געווארען פאר קוירנעל דעניסאן, הערי קאמינג, דזשאהן גראוו און ראבערט סמיטה. אלע דריי האבען באצאהלט צו דריי הונדערט דאלאר און געריכטס־קאסטען.

דאס מערקווירדיגע איז, אז ס'האט נאך ניט פאסירט, אז א משקה סוחר זאל ניט האבען קיין געלד צו באצאהלען אויפ'ן פלאץ. די ביזנעס ווייזט אויס טראגט.

* * *

סאדא וואסער „קיים" ווידער אמאל אין געריכט.

נאכדעם ווי ריכטער קינגספארד האט מיט א פאר וואכען צוריק בטל געמאכט די באהויפטעטע סאדא־וואסער „קייס" און נאכדעם ווי מען איז שוין געגאנגען צום רב און אלעס איז שיין, געגען בלומרשטעם איינגעגליכען, איז מר. שעהר פון דער „דאמיניאן סאדא וואטער קא." ווידער אמאל געקומען אין געריכט מיט א קלאגע געגען מר. סילווערבערג און מר. טוקמאן פון דער טאראנטא סאדא וואטער קאמפאני, אז ער האט ווידער אמאל געפונען אויף א וואגען פון דער „טאראנטא קאמפ." א „סייפאן" פון דער „דאמיניאן".

נאכמעהר, מר. שעהר האט נעכטען דערצעהלט שטעהענדיג אויפ'ן וויטנעס־סטענד, אז מר. סילווערבערג האט זיך פאר'ן רב מודה געווען, אז ער האט טאקע גענוצט באטעלס מיט פרעמדע טרייד מארקס, אבער ער האט צוגעזאגט ווייטער דאס ניט צו טאן.

און אט דא קומט ארויין א חלול השם.

עס האט נעכטען אין געריכט געמאכט אן איינדרוק, אז וועהרענד אידען האלטען פון זאגען דעם אמת דעם רב, שווערען זיי אבער פאלש אין אלגעמיינעם געריכט, ווייל באפרייט האט מר. קינגספארד סילווערבערג'ען מיט צוויי וואכען צוריק בלויז אויף דעם גרונד, וואס ער האט שטעהענדיג אויפ'ן וויטנעסס־סטענד אפגעלייקענט די באשולדיגונג געגען איהם, און פון דער אנדערער זייט זיינען ניט געווען קיין צו שטארקע באווייזען, אז סילווערבערג זאל האבען אנגעפילט באטעלס פון דער „דאמיניאן" און „יוניאן" מיט זיין סעלצער־וואסער.

קומט אבער מר. שעהר נעכטען און ווייזט אויף דעם זעלבען ריכטער קינגספארד, אז מר. סילווערבערג האט זיך ביים רב און הנן מודה געווען, אז ער האט יא גענוצט זיינע באטעלס, הייסט דאך עס, אז סילווערבערג האט פאלש געשוואוירען אין געריכט.

און כאטש מר. סילווערבערג און מר. טוקמאן האבען געלייקענט, אז זיי זאלען זיך האבען מודה געווען פאר'ן רב, איז אבער דער איינדרוק אין געריכט געבליבען, אז זיי זאגען ווידער אמאל ניט דעם אמת און דאס מאל האט זיי ריכטער קינגספארד טאקע געפונען שולדיג און באשטראפט מיט דרייסיג דאלאר און געריכטס־קאסטען, אדער דרייסיג טעג דזשייל.

דער דאזיגער אורטייל איז געווען א קליינער קאמפלימענט פאר אידען. וואלט אין דער געשיכטע ניט געווען אריינגעמישט א רב, און וואלט דער איינדרוק אין געריכט ניט געבליבען, אז די אנגעקלאגטע אידען האבען ניט געוואלט פאלש שווערען פאר'ן רב, ווי זיי האבען עס געטאן אין געריכט — וואלט עס מיט אידישקייט גאר ניט געהאט וואס צו טאן. ווי עס איז אבער געווען דער פאל, איז אונדירעקט פאראורזאכט געווארען א חלול השם.

* * *

א צוזאמענשטויס צווישען פלאסטער און צעמענט.

נעכטען איז פאר קוירנעל דעניסאן ערשיענען א גאנצע גווארדיע פון צעמענטערס און פלאסטערערס, טראגענדיג מיט זיך זייערע געצייג, און ס'האט געמאכט אן איינדרוק ווי אט שטעלען זיי זיך אוועק פלאסטערען און צעמענטען דעם פאלים־קאורט.

די מעשה איז אזוי געווען.

ערגעץ וואו אויף דאנדעס סט. וועסט ווערט געבויט א סטאר, זיינען דארטען דא צוויי קאנטראקטארס. איינער, ער ווין ריטשארדסאן איז א קאנטראקטאר איבער דער פלאסטער־ארבייט, און העדבערט וואלטאן איז דער קאנטראקטאר איבער דעם צעמענט.

ווין ריטשארדסאן איז א קאנטראקטאר ריטשארדסאן אויף א לייטער און איז „ביזי" מיט פלאסטערען, און וואלטאן שטעהט אונטען און איז שטארק בעשעפטיגט מיט'ן ליגען צעמענט.

מיט אמאל כאפט זיך וואלטאן, אז ס'פעהלט איהם א קעסעל, זוכט ער און זוכט אין אלע זייטען — והקעסעל איננו... פאלט איהם פלוצלונג איין א קוק צו טאן אין דער הויך און... ער זעהט ווי ריטשארדסאן באנוצט זיך מיט זיין קעסעל גלייך עס וואלט געווען זיין טאטענס ירושה.

מאכט ער א גוואלד, אבער ריטשארדסאן מאכט זיך ניט וויסענדיג.

פאלט ער אויף אן המצאה און נעהמט שלעפען ריטשארדסאנ'ען פאר'ן לאנגען פוס, אום איהם אראנטערצושלעפען אונטען. רייסט ריטשארדסאן ארויס דעם פוס פון זיינע הענט און גיט איהם מיט דעם זעלבען פוס א זעץ איבער'ן קאפ, אז ער האט אזש דערזעהן יענע וועלט.

און דערנאך אז ערשט ריטשארדסאן ארונטער פון לייטער, און אזוי אויסגעפלאסטערט וואלטאנ'ען מיט די הענד, אז ער איז נעכטען געקומען אין פאלים קאורט ווי אן אפגעריסענער פון דער תליה.

און ס'האט זיך אנגעהויבען א מיש־מאש. אלע בעלי מלאכות פון יענער סטאר האבען אוועקגעלעגט די ארבייט און זיינען געקומען עדות זאגען.

און ס'האט זיך געמערקט, אז די צעמענטערס האלטען מיט וואלטאנ'ען, וועהרענד די פלאסטערער — מיט ריטשארדסאנ'ען.

און דער קוירנעל האט זיך אויך געשטעלט אויף דער זייט פון די צעמענטערס און האט געהייסען ריטשארדסאנ'ען אריינפלאסטערען $30 און קאסטען אין קאורט קאסע, אז ניט, וועט ער איהם „צעמענטירען" אויף דרייסיג טעג אין דזשייל.

ריטשארדסאן האט אבער מיט זיך ניט געהאט קיין דרייסיג דאלאר, האט דער ריכטער איהם געהייסען געהן צו דער ארבייט און גענומען זיין ווארט, אז ער וועט עס צוברענגען.

Robertson, Robinson, Armstrong & Co.
טשארטערד אקאונטענטס
24 קינג סט. וועסט טאראנטא
אודיטס
פעקטארי קאסטען
אינקאם טעקס

CANADIAN CEREAL &
FLOUR MILLS CO.
פראדוצירער פון „רעינבאו" „וואיט דאוו" און גאלד פיעלד מעהלען „קוואליטי" „ראלד אאטס", בארלי, און געשפאלטענע ארבעס
מיר ווינשען אונזער אידישע פריינד גליק צום נייעם יאהר און האפען אז 1920 וועט זיין א יאהר פון גרויס „פראספעריטי" פאר זיי

1000
פוילישע מארקס
$11.50
ראטענבערג
141 קווין סט. וועסט

בילדער פון אוקראינישען כאאס

פון באריל.

די „וויסע".

איז געקומען דער טאג, ווען עס זענען אריין קיין זוויהיל די וויסע און האבען אנגעהויבען באלעבאטעווען.

איהר מיינט אפשר ראבירען פאגראמירען, פערדערען ארויסלאזען? חס וחלילה!

איך האב געזעהן אן אנשטענדיגע קריסטין וואס האט זיך געפונען שטארק בעליידיגט, ווען א איד האט איהר אין די אויגען זיך צווערדט וועגען דעם שרעקליכען פאגראם, וואס די וויסע האבען געמאכט.

— דאס איז אן עזות! — האט זי געשריען מיט גרימצארן — „וויסע" מאכען ניט קיין פאגראמען! זיי האבען געהרגעט אידען, אבער ניט ראבירט!

איהר ווייסט אודאי ניט ווער זיינען עס די „וויסע"?

דאס זיינען ארומיגע פויערים, מייסטענס יונגוואַרג, אויפגעשטאנען געגען דער רויטער ארמיי, געגען די קאמונים און דער „טשערעזוויטשייקע". זיי שטעהען אונטער דער אנפיהרונג פון איינערע אלטע בעקאנטע, א געוועזענע אמאליגע גוטע פריינד פון דעם „סאיוז רוסקאוואָ נאראדא", און זייערע מעשים בגן איז מיט גרויס פשטות, קאלטבלוטיג. עס ראכט זיך אפילו אהן שום כונה.

און אין יענעם פר המארגען האבען די וויסע פארנומען די שטאדט, נאך א פערביטערטען קאמף, וואס איז פארגעקומען די גאנצע נאכט און מיטען שטאדט צווישען זיי מיט די באלשעוויקעס. איבער די גאסען וואלגערען זיך די צעריסענע פערד, אונטערגעלאפענע האלמאטען, אוועקגעווארפענע ביקסען, א פולעמיאטע, שטיקלאך גלאז פון צופלאצטע שויבען און הויזעם בלוט בעט תרומים פון עטליכע צדרים און אין די הויזער.

און די הייזער טוליען זיך איינער צום אנדערען דערשראקענע מענשען. די קוילען פון ביקסען פליהען הויך די פענסטער, סוויששטשען ווילד. און מען זוכט זיך פון זיי א בעהעלטעניש גרויס און קליין ליגען איינגעצויגען אויף דער ערד.

10 א זייגער אין דערפריה האט זיך אנגעהויבען דאס קלאפען אין די טיהרען. אבער נאר אין די אידישע הייזער... און אז מען עפענט ניט ווערען די טיהרען אויפגעריסען מיט ווילדען געוואלד.

עס פאלען אריין אין שטוב עטליכע פויערים און יונגע שקצים באראוועסע און אין פאסטאלעס, אויף די ארבעל אנגעבונדען ווייסע באנדען און בעוואפענט זיינען זיי מיט האסעס, ביקסען, העק ווילעס...

— דא זיינען זשידעס? — איז זייער ערשטע שאלה.

— יא.

— גיט אב דאס געוועהר, אהער די ביקסען, די פולעמיאטען!

— מיר האבען ניט קיין שום געוועהר!

— מיר קענען אייך קאמוניסטען!

— מיר קאמוניסטען? וואס רעדט איהר, פאניאָווע, קארג זענען מיר טאקע אויסגעשטאנען פון די קאמוניסטען? קארג זענען זיי אונז דערגאנגען די יאהרען. אלמאי מיר זיינען זאגען זיי בורזשויען?

— אלץ איינס: בורזשויען, קאממוניסטען! מיר קענען אייך זשידעס! קומט.

— וואוהין?

— אהן טענות א דערלאנגט שוין איינער א געשריי מיט רציחה און תיכף טרייבען צוויי אנדערע ארויס אלע מאנסבילען פון שטוב און פיהרען זיי ארויס אויפ'ן גאס.

און אז די ווייבער און קינדער לויפען זיי נאך מיט געשרייען, מיט יללות, טשעפען זיך אן זיי און בעטען זיך ביי די רוצחים זיי פריילאזען, כאפען זיי מיט פריקלאדען אין הארצען און בלייבען פון הינטען.

און אזוי בלייבען פון הינטען נאך ווייבער און קינדער ביי נאך פעל אידישע הייזער אין אלע גאסען.

אומעטום לויפען ארום, ווי די ווילדע חיות, באראוועסע שקצים און פויערים, ווער מיט די ביקסען איבער די פלייצעס און ווער מיט האסעס און דובינקעס אין די הענד, און די אייגענע זוכען און נישטערן, און פון די אידישע הייזער שלעפען זיי ארויס די מאנסביילען ארעם און רייך, יונג — און אלט אפילו גרויע גראָע זקנים, שלאגען זיי מערדערליך, רייסען פון זיי אראב די שטיוועל, די היטלען, דאס אנטהאן, טרייבען זיי אונטער מיט די פריקלאדען און אזוי ציהען זיך איבער אלע גאסען הונדערטער אידען צוקיילטע און צובייליטע, און די שקצים טרייבען זיי צום בריק, צום וואלד...

און עס געהען מענשען אין גאס און זעהען, אז מען פיהרט זייערע גוט בעקאנטע אידען, די מענשען ווייסען וואוהין מען פיהרט זיי און זיי זעהען ווי אזוי מען פיהרט זיי. און איינציגער אויסרוף: „לאז זיי אב, דאס זענען אומשולדיגע מענשען" וואלט געגוג געווען און מען וואלט זיי תיכף אבגעלאזט, ווייל די שקצים זיינען דערמיט גאר ניט אויסען צו הרגענען, ניט הרגענען... עס איז זיי א קליינע נפקא מינה.

נאר די מענשען האבען זיך ניט אנגערופען קיין ווארט. עס איז ניט אונזער זאך — און אונגעשטערט האט מען געטריבען די אידען צום וואלד און איבער'ן בריק, און זיי זיך געהייסען אויסטאן נאקעט און נאכדעם...

נאכדעם האט מען זיי איינציגווייז אויסגעלעגט!

— געלעגט ווי אזוי עס גלוסט זיך: שטעכען, שיסען, קוילען, פאמעליכען ביז געהרגעט, האלבטויט...

— קיינער פערהערט ניט.

— און דער טייך בלוט וואקסט, און די לעבעדיגע קוקען צו און ווארטען אויף דער אטשערעד און קוקען צום הימעל ווי ער שוויגט און רופט זיך ניט אן. נאר איינעם גלוסט זיך דעם גזלן בעטען, פאלען צו זיינע פיס אפשר וועט ער דאס לעבען שענקען, ערשט דאמאלט פאלט דער גזלן אריין אין התפעלות, דערפיהלט דעם טעם פון בלוט און הויבט אן מוטשען די קרבנות.

— גרייט אייך אליין קוקע'ס!

און די אומגליקליכע גראבען אליין פאר זיך קברים.

דאס גראבען הויערט אביסעל. דערווייל הויבט אן טליהען אין הארצען א שוואכער פונק פון האפנונג אולי ירחם? נאכדעם... נאכדעם ווערען זיי ארומגעפענטעט מיט שטעכיגען דראט איבער די נאקעטע לייבער. דערביי שיטען די ווילדע חיות שטעכווערטלאך איבער די זשידעס, סקאלען די ציינער און לאכען פון גרויס הנאה.

און נאכדעם ווערען די פערמוטשעטע און די דראטען געץ אראבגעשטעלט אין די קברים און מען הייבט אן אויף זיי שיטען לאפאטעס ערד פאמעליכען.

און די אויגען קוקען ווי מען פערשיט זיי לעבעדיגערהייט ——

— — — — — —

אזא ארבייט האבען מענשען געטהאן א גאנצען, א קיילעכדיגען טאג, א זר מער טאג!

קאמעני בראד

קאמעני בראד איז א שטעדטעל ניט ווייט פון זוויהיל. דארט וואוינען א צוויי הונדערט אידישע פאמיליעס וואס ארבייטען אין דער פאיאנס פאבריק.

אבגעפארטיגט זיך מיט זוויהיל, האבען זיך די וויסע גענומען צו דער סביבה און ראשית חכמה געכאפט א קוק קיין קאמעני בראד.

ווארום געוואוסט האבען זיי, אז אין קאמעני בראד וואוינט דער חבר ג. וואס האט אין די ערשטע טעג פון באלשעוויזם טישען הערשען אין זוויהיל פארנומען א שטעלע אין „רעווקאם" (רעוואלוציאנס קאמיטעט).

ווילען זיי געקומען נאך'ן חבר ג.'ס נשמה און האבען זי ניט געקאנט געפינען און דער חבר ג. איז א איד, טרייבען די וויסע צונויף אלע קאמעני בראדער אידען מאנסבילען אויפ'ן פלאץ און בעפעהלען זיי ארויסגעבען אהן שום טענות דעם חבר ג. וואס וואוינט אין קאמעני בראד.

אבער קיינער ווייסט שוין פון לאנג ניט וואוהין איז נעלם געווארען דער חבר ג. עס איז אין שטעדטעל דא זיין פרוי, זיינע קינדער, נאר איהם אליין זעהט מען שוין ניט א צייט.

אבער ניטא קיין תירוץ! — דער חבר ג. זאל זיין!

— הויבט מען זיך אן בעטען רחמים, מען ווייל איבערצייגען.

די ווייבער שטעהען און וויינען און בעטען און חלש'ען.

באלד הויבט זיך אן א ווילדע א שרעקליכע ארבייט פון מענשען איבער מענשען. מענשען געצוונגענע, מונטערע און בעוואפענט מיט כל מיני כלי זיין, געגען מענשען שלאפע, אויסגעמוטשעטע און הילפלאזע. מען שיסט, מען שטעכט מען האקט און מען בהעקעלט, ביז די הענד ווערען מיד און די שפיזען ווערן טעמפ, ביז פון דער גאנצער מחנה אידען זיינען מעהר ניט געבליבען ווי זיבען מאנסביילען.

— גיט ארויס דעם חבר ג. — פערפלוכטע זשידעס! שרייען די רוצחים און האקען און שטעכען. רעכטס און לינקס.

ווייבער און קינדער זענען דא אויפ'ן בראז, זעהען די שחיטה און זייערע געוואלדען שפאלטען דעם זיבענטען הימעל.

— גענוג! קומט מיט מיר.

און זי לאזט זיך געהן.

די באנדע לאזט אב דאס געוועהר און נעהמט נאך דאס פרוילין ביז זיי זיינען געקומען צו א פערבארגענעם ארט.

דאס פרוילין געהט צו נאהענט, קלאפט אן פארויבטע אין טיהר:

— עפען! טאטעניו, עפען!

— יא עפען און דערשיס מיך, טאטע מייער!

און עס עפענט זיך די טיהר, עס בעווייזט זיך א מאן פון א יאהר עטליכע און פערציג פון א הויכען וואוקס און א פעסטען בוי, מיט א גרויזאם געזיכט.

— טאטעניו, געה ניט אונטער! שרייט זי.

פון צוויי ברוינינגען און ביידע הענד פליהען קוילען אויף די וויסע, וואס ווילען זיך אריינרייסען.

— א, א, ביסט דא חבר! שרייען זיי און שטעלען אן די ביקסען.

ער שיסט און שיסט און די לעצטע קויל שיסט ער אין זיך אריין און פאלט א טויטער.

(מאמענט, ווארשא).

פארערען דיזעלבע פריווילעגיע ווי אידען

ניוארק, דעצ. 21

די סקאטישע ליגע פון די מלחמה וועטעראנען האט אויסגעשיקט א רעזאלוציע צו דער באָרד או עדוקיישאן פון ניוארק, פאָדערנדיג עס זאל אראָפגענומען ווערען פון סקול קאריקולום די שטודירען פון שעקספיר'ס „מאקבעטה" דערפאר ווייל מאנכע מענשען זיינען געווינט אויסצוטייטשען די פיעסע אלס א באליידיגונג פאר די סקאטלענדער, דארטען ווערט געשילדערט דער קעניג מאקבעטה אלס א מערדער און א פאררעטער, די וועטעראנען ליגע באגרינדעט איר אויספאדערונג אויף דעם ארגומענט דאס מיט א קורצער צייט צוריק האט די באָרד אין עדוקיישאן פארביטען צו שטודירען די פיעסע „שיילאק" דערפאר ווייל מאנכע טייטשען אז שיילאק איז א באליידיגונג פאר אידען, פארערען זיי דארום אז די סקאטישע זאלען האבען דיזעלבע פריווילעגיע ווי די אידען, די רעזאלוציע איז אונטערגעשריבען געווארען פון די עקסעקוטיווע בעאמטע פון דער ליגע.

נאך קאמוניסטען אויפגעהאנגען

בערלין, דעצ. 31

ידיעות פון בודאפעסט מעלדען דאס טראץ די פראטעסטען פון ענגלאנד און איטאליען'ס פארטרעטער זענען אויפגעהאנגען געווארען נאך 9 קאמוניסטען.

שלום אונטערשרייבען נאך ניט באשטימט

פאריז, דעצ. 31

דער הויפט ראט האט באשטימט דער שלום זאל אונטערגעשריבען ווערען דעם 6־טען יאנואר עס איז אבער מעגליך דאס עס זאל נאכאמאל אפגעלייגט ווערען.

קויפט אייערע קוילען פון
יאנעווער בראדערס
וואו איהר בעקומט בלויז קוילען מיט ראזשערס פיקעס
268½ קווין סט. וועסט. טעלעפאן ערעליד 3766

נייע ארענא וועט גענוצט ווערען פאר פיעלע צוועקען

פאהזיכערט פאר טאראנטא א הונדערט מיליאן דאלאר געשעפט

די ארענא באי־לאו, איבער וועלכער מען געהט שטימען אינ'ם נייאהר טאג, איז א קלוגער געשעפטס־פארשלאג. דיזע באי־לאו ווערט אינדארסירט פון פינאנץ קאמישאנער בראדשאו, פון דער בארד אוו קאנטראל, פונ'ם סיטי קאנסיל, פון דער קענעדיען נעשאנאל עקסיבישאן, פון דער בארד אוו טרייד, פון די ארגאניזירטע ארבייטער, פון דער ווינטער פעיר אסאסיאיישאן, פון אלע אטלעטישע קערפערשאפטען, פון דער אויטאמאביל אסאסיאיישאן און פון אנדערע ארגאניזאציעס.

עס איז דרינגענד נויטיג פאר דער אויסברייטערונג פון דער קענעדיען נעשאנאל עקסיבישאן, וועלכע האט פאר די לעצטע 6 יאהר ניט צוגעקראגען קיין נייע בילדינגס, און דארף דיזען בילדינג פאר ווייטערער אויסברייטערונג איהר טעטיגקייט. דאס מיינט אויך, אז טאראנטא זאל צו יעדער צייט האבען א העדקווארטערס פאר דער ווינטער אינדוסטריע פון לאנד — לעבעדיגע סטאק און טאראנטא וועט דורכדעם צוקריגען איינעם פון די וויכטיגסטע בילדינגס.

לעצטען יאהר האבען זיך אין די דאמיניאן סטאק יארדס איבערגעהאנדעלט 1,104,627 חיות, אין ווערט פון $45,000,000. די „פעקינג האוז" אינדוסטריע פון דיזער שטאדט האט אן אינוועסטמענט אין פלענט פון ארום $10,000,000 יעהרליך. צאהלט אויס ניט ווייניגער ווי $5,000,000 יעהרליך אין וויידזשעס און פיהרט דורך געשעפטען יעדען יאהר אויף דער סומע $100,000,000.

עס גייט אין די אינטערעסען פון אלע בירגער, אז די „לייוו־סטאק" אינדוסטריע פון טאראנטא, זאל זיך ווייטער ענטוויקלען. אנדערע שטעדט האבען געזוכט און זוכען נאך יעצט א געלעגענהייט צו עטאבלירען זיך אלס לייוו־סטאק סענטערס. טאראנטא, ביי איצטיגער צייט, פראפיטירט פון יעדער איינצעלנער קוה, וואס ווערט געהאנדעלט אין דער פראווינץ, און וואס וועט סוף־כל־סוף דורכגעהן דעם מארקעט פון דיזער שטאדט.

די אויסבויאונג פון דער ארענא וועט גאראנטירען פאר אלע צייטען דיזע $100,000,000 אינדוסטריע צו טאראנטא. די קאנצענטרירונג פון דער לייוו סטאק אינדוסטריע אין שיקאגא, איז געווען דער אנפאנג פון דער גרויסקייט פון יענער שטאדט, טאראנטא דארף ווערען די שיקאגא פון קאנאדא.

אבער דאס איז בלויז איינע פון די אורזאכען, פאר וואס מ'דארף האבען דיזע ארענא, דאס וועט זיין א פלאץ פאר גרויסע קאנווענשאנס, וועלכע קענען יעצט אין דיזער שטאדט ניט אפגעהאלטען ווערען, ווייל עס פעהלט א גרויס פלאץ. עס וועט זיין א פלאץ פאר פערד פארשטעלונגען, פאר לייוו־סטאק סיילס, (א גלענצענדער פראפיטירענדער געשעפט פאר דער שטאדט), פאר גרויסע אויסשטעלונגען פון הינט און עופות, פאר מיליטערישע דרילס, אויטאמאביל און האנדעלס־אויסשטעלונגען, מוזיקאלישע „פעסטיוואלס", און פאר אלעס וואס פאדערט אן עקסטרא גרויסען פלאץ, אריינגערעכענט ווינטערדיגע אטלעטישע מיטינגען און ספארטס.

דיזע ארענא וועט האבען א רינג נאך גרעסער ווי דער מעדיסאן סקווער גארדען פון ניויארק, עס וועט זיין אן אידעאלער פלאץ פאר אטלעטישע איבונגען, און פאר אינטערנאציאנאלע צוזאמענקונפטען — אלץ זאכען וואס די שטאדט האט נאך געהאט ניט.

עס וועט ברענגען צו טאראנטא די ווינטער אויסשטעלונג פון לעבעדיגען סטאק, די יעהרליכע אויסשטעלונג אין שיקאגא פון עהנליכען כאראקטער, ציהט צו 250,000 געסט, אריינגערעכענט פיעלע קויפערס פון אזעלכע ווייטע געגענדען ווי סאוט־אמעריקא און אייראפא, און וועלכע לאזען דארטען איבער גרויסע סומען געלט.

עס איז דא אן אויסזיכט, אז דער יעהרליכער פראפיט פון אזא ארענא זאל זיין $80,000 אויף א טאטאל אינוועסטמענט וואס וועט געמאכט ווערען ווי פאלגט: קענעדיען נעשאנאל עקסיבישאן $12,000, ראיאל אגריקאלטשוראל ווינטער פעיר אסאסיאיישאן, (אין וועלכער עס זיינען אנגעשלאסען די גרעסטע סוחרים פון לייוו־סטאק און סתם גרויסע געשעפטס־לייט און פראפעסיאנאליסטען) $10,000; אנדערע צוועקען $20,000, גאראנטירטע סובסקריפשאנס עפענטליכע און פריוואטע. $40,000.

43330A

THE DAILY HEBREW JOURNAL

H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd.
251 - 253 Queen Street West   Telephone Adelaide [illegible]
Subscription Rates   [illegible] Per Year
Single Copy [illegible]

Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto Ontario
January 22nd. 1913

היינט ביים שטימקאסטען

היינט איז יום טוב ביי אונז אין שטאדט — דער קריסטליכער ניי-יאהר, אבער אויך אין דיזען יום טוב דארף מען ניט פארגעסען די פליכט די פליכט פון געהן צום שטימקאסטען.

יעדער אידישער מאן און יעדע אידישע פרוי, וועלכע האבען רעכט צו שטימען אין די היינטיגע שטאדטישע וואהלען, זאל ערפילען זיין בירגער-פליכט, באטייליגען זיך אין די וואהלען.

געהט צום שטימקאסטען, און העלפט ערוועהלען די יעניגע קאנדידאטען, אויף וועלכע איהר גלויבט אז זיי וועלען אייך רעפרעזענטירען. לאזט זיך ניט איינריידען פון קיינעם. איהר זאלט שטימען אזוי אדער אויף אן אנדער אופן — שטימט ווי אייער געוויסען דיקטירט אייך.

און זייט איהר א וועהלער אין די „וואַרדס" דריי אדער פיער — דאן פארגעסט ניט צו שטימען פאר די אידישע קאנדידאטען. וועלכע קאנדידירען אין יענע „וואַרדס" — זיי וועלען אייך זיכער ריכטיג פארטרעטען.

א גרויסע צאהל אידישע שטימען פאר אלע אידישע קאנדידאטען — דאס דארף זיין היינט געגעבען ווערען פון די אידישע וועהלער.

* * *

חוץ פאר מעיאר, באארד אף קאנטראל, אלדערמען און „באארד אף עדוקיישאן", וועלען די וועהלער אויך דארפען שטימען איבער דריי פראגען און דריי ביילאָס. וועלכע האבען מעהרסטענס צו טאן מיט דער „הידרא" און וועגען איבערנעהמען די שטאדטישע קארס (חוץ איינער, וועלכע איז וועגען באוויליגען א מיליאן דאלאר אויף צו בויען א „לייוו סטאק ארענא"). אויף אלע פראגען דארף דער בירגער שטימען מיט „יא", אויף איין פראגע אבער. רעקאמענדירען מיר די אידישע וועהלער צו שטימען „ניין" — דאס איז וועגען דער פראגע, אז ווען די שטאדט וועט איבערנעהמען די „טאראנטא סטריט רעילוויי", זאלען די קארס פארוואלטעט ווערען פון א קאמיסיע פון דריי, אהן שום געצאהלט.

דער פונקט דארף פון אלע פראגרעסיווע בירגער און איינוואוינער פון שטאדט נידער געשטימט ווערען, ווייל אויב די דריי מענשען וועלען זיין ניט קיין באצאהלטע בעאמטע, וועלען עס דאך קענען אננעהמען נאר אזעלכע מענשען, וועלכע זענען גוט עטאבלירט, און דער איבערוואהל וועט דארום איבערגעלאזען ווערען נאר צו א גאנץ קליינעם קרייז. דער אמט פון פארוואלטען די שטאדטישע קאר-ליניען טאר ניט זיין קיין עהרען-אמט, און ער מוז געגעבען ווערען צו די בעסטע און פעהיגסטע מענשען, וואס געלט קען נאר באקומען. אויב מיר ווילען האבען ערפאלג מיט דער פארוואלטונג פון אונזער שטאדטיש אייגענטום.

שטימט „ניין" אויף דיזער פראגע.

די בטול געווארענע „ארדערס"

הונדערט „ארדערס אין קאונסיל", וועלכע בלייבען נאך אין קראפט, וואהרשיינליך ביז צום סוף פון דער קומענדער פארלאמענט-סעסיע, געהען היינט אלע איבעריגע אויטאמאטיש ארויס פון קראפט. און דאס וועט דעם קאנאדער בירגער אומקעהרען באטש א טייל פון זיינע באריכטע פרייהייטען, וועלכע זענען פון איהם צוגענומען געווארען זייט 1914.

דאס בטול מאכען פון די פארשיעדענע „ארדערס" וועט ניט נאר לייכטער מאכען דעם גורל פון די וועלכע זענען די „ארדערס" איבערגעטראטען, נאר דורך זייער בטול ווערען וועלען מיר ראויק פטור ווערען פון א סך סארטען ואגנאנטע „פארברעכער". און די מיטלען און ענערגיע, וועלכע זענען ביז יעצט פארווענדעט געווארען אכטונג צו געבען אויף זיי, וועלען קענען פארבראכט ווערען פאר בעסערע צוועקען און צילען.

דער „אנטאריא טעמפערענס עקט" — וועגען דעם איז שטענדיג אונזער מיינונג געווען, אז ער באצוועקט בלויז צו פארמעהרען פארברעכענס און פארברעכער, אבער אז ער וועט קיין שכרות ניט אפשאפען. דער א. ט. ע. איז נאך לעצטענס פארשטארקט געווארען מיט דעם „ארדער אין קאונסיל", וועלכער האט פארבאטען דעם אימפארט, און דאס האט נאך צוגעהאלפען צו פארגרעסערען די צאהל פון די „מונשיינערס" און שמאגלערס-הענדלער. יעצט ווען עס ווערט דער „ארדער" בטול, וועט פילייכט אויך די צאהל פון דיזע פארברעכער פארקלענערט ווערען.

די נייע שומרים איבער אידישקייט

ווען שלום אש האט אנגעשריבען זיין דראמע „גאט פון נקמה", האט עס ביי דער אויפפיהרונג פארשאפט א היבש ביסעל גערודער אין דעם לאגער פון דער אידישער ארטאדאקסיע, וועלכע האט עס באטראכט פאר א פארלעצונג פון דער אידישער טראדיציע.

אזא סארט געגנערשאפט קען נאך אמאהל גענומען ווערען אין באטראכט — עס איז א אידישע דראמע, געבויט הויפטזעכליך אויף א אידישען אינהאלט. אבער וואס פאר א שייכות האט מיט דעם די פוילישע רעגירונג. ווי די ווארשעווער צייטונגען מעלדען, האט די פוילישע צענזור פארבאטען די אויפפיהרונג פון „גאט פון נקמה", ארויסווארפענדיג דעם צווייטען אקט, און בכלל צודרעהענדיג די גאנצע זאך.

וואס די זאך האט צו טאן מיט די פוילישע פראבלעמען, הייבען מיר ניט אן צו פארשטעהן, סיידען זיי ווילען שוין אויך שפיעלען די ראליע פון שומרים איבער אידישקייט.

די הילפס-קאנפערענץ און די פראטעסט-דעמאנסטראציע אין קאפענהאגען

(פון אונזער קאפענהאגענער מיטארבייטער.) ש. פאן

דא האט זיך זונטאג, דעם 7-טען דעצעמבער, געעפענט א גרויסע הילפס-קאנפערענץ, ביי וועלכער עס זיינען געווען פארטרעטען דעלעגאטען פון גאנץ סקאנדינאוויען ווי פון שטאקהאלם, קריסטיאניא, מאלמע, קאפענהאגען און אנדערע סקאנדינאווישע שטעדט. עס זענען אויך געווען פארטרעטען א גרויסע צאהל ארגאניזאציעס. אלס פארזיצענדער פון דער קאנפערענץ איז ערוועהלט געווארען פראפעסאר סימאנסען.

אויף דעם סדר היום איז דעם ערשטען טאג געשטאנען די פראגע פון אפגעבען א באריכט איבער דער טעטיגקייט פונ'ם סקאנדינאווישען צענטראל-קאמיטעט פון וועלכען עס איז געווען צו זעהן, אז דער צענ. הילפס-קאמיטעט פון סקאנדינאוויען האט אין פארלויף פון די לעצטע 4 יאהר געשיקט פאר די נויטליידענדע אידען אין די מלחמה-לענדער איבער 4 מיליאן קראנען ווי אויך אייניגע וואגאנען לעבענס-מיטעל און קליידער, וואס זענען אפגעשיקט געווארען דער ארימער אידישער באפעלקערונג קיין פוילען, ליטא, ארץ ישראל און אנדערע לענדער.

נאך דעם ווי דער פארזיצענדער פון דעם צענ. הילפס-קאמיטעט, הערר טראצקי, האט אפגעגעבען זיין באריכט האבען זיך אנגעהויבען א רייהע וכוחים וועגען דער צוקונפטיגער טעטיגקייט פונ'ם קאמיטעט, וועגען שאפען מעהר הילף, הויפטזעכליך פאר די פאגראם-געליטענע אין אוקראינא, און בכלל וועגען רעארגאניזירען די גאנצע הילפס-ארבייט. אין די וכוחים האבען זיך באטייליגט פראפעסאר סימאנסען, דר. פרענקעל, לעא מאזאנאוויטש, דר. בערנשטיין, דר. ברענדער, ה. טראצקי און אנדערע. די ערשטע זיצונג האט זיך פארצויגען ביז שפעט אין דער נאכט.

דעם צווייטען טאג האט זיך די קאנפערענץ זעהר שטארק באשעפטיגט מיט דער פראגע וועגען צונויפרופען דעם אלוועלטליכען הילפס-קאנגרעס. די דאזיגע פראגע איז ברייט און קלאר באהאנדעלט געווארען און די מעהרסטע דעלעגאטען האבען זיך ארויסגעזאגט דערפאר, אז דער אלוועלטליכער אידישער הילפס-קאנגרעס זאל פארקומען אזוי שנעל ווי מעגליך און זאל אפגעהאלטען ווערען אין א נייטראלעם לאנד כדי צו געבען א געלעגענהייט, אז עס זאלען זיך אין איהם באטייליגען דעלעגאטען פון אלע לענדער. עס איז צום סוף פון די דעבאטען אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אין וועלכער מען מאכט אויפמערקזאם די אידישע דעלעגאציע אין פאריז, אז צוליעב דעם, וואס מען וויל דעם אלוועלטליכען אידישען הילפס-קאנגרעס זאלען זיך אויך באטייליגען דעלעגאטען פון דייטשלאנד, עסטרייך און אנדערע לענדער, און אזוי ווי נאך פאריז אדער לאנדאן וועלען א טייל פון די דעלעגאטען ניט באקומען קיין פעסער אויף צו פאהרען, דערפאר ווערט פארגעשלאגען, אז דער קאנגרעס זאל אפגעהאלטען ווערען אין א נייטראלעם לאנד און דאס פאסענדסטע ארט וואלט דערפאר געווען קאפענהאגען.

פון די וויכטיגע פראגען, וואס זענען באהאנדעלט געווארען דעם צווייטען טאג איז ווערט צו דערמאנען דאס, וואס די קאנפערענץ האט באריהרט די פראגע וועגען שיקען צוויי דעלעגאטען נאך אוקראינא כדי גענוי אויסצופארשען די עקאנאמישע לאגע פון די אידען אין דער אוקראינא. באשלאסען איז געווארען אז מען זאל אוועקשיקען צוויי דעלעגאטען נאך פאריז און לאנדאן, וועלכע זאלען אונטערהאנדלען ביי די דערמאנטע מלוכות און שארף פראטעסטירען געגען די געשעהענישען אין דער אוקראינא און רוסלאנד. עס איז אויך באשלאסען געווארען, אז מען זאל אזוי שנעל ווי מעגליך זעהען צונויפרופען נאך קאפענהאגען א צווייטע הילפס-קאנפערענץ און ארבייטען פאר'ן צוגראנק וועגען צונויפרופען דעם אלוועלטליכען הילפס-קאנגרעס.

א שארפען וכוח האט צום סוף פון דער קאנפערענץ ארויסגערופען די פראגע וועגען סובווענצירען עטליכע טויזענט קראנען אויף ארויסצוגעבען א בוך מיט דאקומענטען וועגען די פאגראמען אין רוסלאנד און אוקראינא. די פארשטעהער פון דער אידישער פרעסע, וועלכע האבען זיך געפונען אויף דער קאנפערענץ און האבען באקומען דאס רעכט זיך צו באטייליגען אין דער דעבאטע, האבען פארלאנגט, אז אלע די דאקומענטען, וועלכע זענען לעצטענס געבראכט געווארען נאך קאפענהאגען און איבער וועלכע עטליכע פערזאן, וואס שטעהען נאהענט דעם צענטראלען אידישען הילפס-קאמיטעט האבען א רעכט איבער זיי, זאלען אזוי שנעל ווי מעגליך פארעפענטליכט ווערען איבער דער גאנצער וועלט. איבער דער גאנצער אידישער און ניט-אידישער פרעסע און זיי זאלען אויך ארויסגעגעבען ווערען אין א בוך און צושיקט ווערען צו פארשיידענע פערזענליכקייטען און דיפלאמאטען.

צי דאס וועט דורכגעפירט ווערען אין דעם זין, דאס איז דערווייל א צווייפעל. דער ה. פראפעסאר סימאנסען האט פארשפראכען, אז ער וועט פרובירען צושאפען דאס געלט אויף דער דאזיגער אויסגאבע.

נאך דעם ווי עס זענען נאך באהאנדעלט געווארען אייניגע אנדערע פראגען, וואס האבען א שייכות צו דער רעארגאניזירונג פון דער הילפס-ארבייט צווישען די אידען אין סקאנדינאוויען, האט זיך די קאנפערענץ געשלאסען.

מאנטאג, דעם 8-טען דעצעמבער, האבען זיך אויך די אידען פון קאפענהאגען אנגעשלאסען אין דער גרויסער פראטעסט-באוועגונג געגען די אידען-שחיטות, וואס זענען פארגעקומען אין דער אוקראינא.

שוין לאנג ווי קאפענהאגען האט ניט געהאט אזא גרויסען עולם אויף א אידישען מיטינג. דער גרויסער זאל פון „פרינץ וויללהעלמס פאלעע" איז געווען פול מיט מענשען. א שטארק געפרעסטע שטימונג האט געהערשט אינ'ם זאל ווען די פארשיעדענע רעדנער האבען פון דער שווארץ דעקארירטער ביהנע געמאלען שילדערונגען די איינצעלהייטען וועגען די שרעקליכע פאגראמען אין אוקראינא און רוסלאנד. א זעהר געלונגענע און רירענדע רעדע האט געהאלטען פראפעסאר סימאנסען, וועלכער איבערגעבענדיג א טייל פון די שרעקליכע פאקטען, האט צום סוף אויפגעפאדערט די וועלט צו פראטעסטירען געגען אזעלכע אונמענשליכע שחיטות, וואס פאסען בעסער פאר דעם מיטעלאלטער און ניט פאר דעם 19-טען יאהרהונדערט. מיט שארפע רעדען זיינען אויך ארויסגעטראטען: די ה'ה לעא מאזאנאוויטש, ה. טראצקי, דר. ברענדער, דר. בערנשטיין און אנדערע.

אן ערשיטערענדען איינדרוק האט געמאכט דער מאמענט ווען אין זאל איז געווארען פינסטער און אויף דער טונקעל-באלויכטענער ביהנע, דעקארירט אין שווארץ האט געמאכט א „אל מלא רחמים" פאר די געפאלענע דער קאנטאר גראסמאן. אין זאל האט זיך געהערט א געשטיקטער יאמער פון פרויען, מענער און קינדער. א טיעפער געפיהל האט אלעמען באהערשט און יעדער האט ניט פארשטאנען, אז דאס באוויינט מען איצט די טויזענדער געפאלענע אומשולדיגע אידישע קרבנות, וואס זענען געפאלען אלס אפפער פון די אוקראינישע און רוסישע באנדעס, וועלכע האבען ארייגעבראכט א טיעפע טרויער אין די רייהען פון אידישען פאלק. מען האט דייטליך געקענט זעהן, אז עס האט געוויינט דאס אידישע הארץ איבער דעם גרויסען אומגליק, וואס עס האט געטראפען דאס רוסישע אידענטום. אפילו די עטליכע ניט-אידען, וואס האבען זיך געפונען אין זאל האבען זיך ניט געקענט צוריקהאלטען פון דעם פארשטיקטען געוויין, און האבען כסדר געווישט [illegible] אויגען.

נאך דעם איז געמאכט געווארען אנ'אויפרוף צו אלע אנוועזענדע זיך צו באטייליגען אין דער געלט-זאמלונג פאר די אוקראינישע פאגראם-געליטענע אידען. אויף וואס דער עולם האט זיך שטארק אפגערופען. אין פארלויף פון 15 מינוט איז געזאמעלט געווארען לערך 6 טויזענט קראנען.

אויך די גאנצע דענישע פרעסע האט זיך ווארם אפגערופען וועגען דער פראטעסט-דעמאנסטראציע און געבראכט גרויסע באריכטען איבער דער פראטעסטירונג אויסדריקענדיג דערביי א שטארקע פארביטערונג געגען די לענדער, וואו אידען ווערען נאך אלץ אונאויפהערליך געפייניגט און בארויבט פון זייערע מענשליכע רעכט.

רומעניענס שנאה צו אמעריקא

פון לעא וואלפסאן.

פאר דער מלחמה איז רומעניען געווען כמעט אונבאקאנט אין אמעריקא. א סך האבען אפילו ניט געוואוסט צו זי עקזיסטירט און וואו זי געפינט זיך. איך דערמאהן זיך, אז צוריק מיט אכט אדער ניין יאהר האב איך געזוכט צו פאראינטערעסירען עטליכע קאנגרעסמען און סענאטארען אין דער לאגע פון די אידען אין רומעניען און יעדער פון זיי האט מיך געפרעגט ערשטענס אויב אזא לאנד עקזיסטירט און וואס פאר אן ערד טייל. א הויכער בעאמטער אין סטייט דעפארטמענט האט מיר אמאל דערצעהלט אין אן ערנסטען שפאס, ווי אונבאקאנט רומעניען איז דא געווען. אז א קאנסול וואס איז אפאינטעט געווארען נאך בוקארעסט, האט טעלעפאנירט צו א סטייט אמעריקאנער שיף קאמפאניע, אז מען זאל איהם רעזערווירען א פלאץ. ער האט פשוט ניט געוואוסט וואו רומעניען ליגט.

אין רומעניען דאגעגען האט מען שוין געוואוסט מעהר איבער אמעריקא. און די געאגראפישע טעקסט ביכער וואס מען לערנט אין די שולען ווערט פראפארציאנעל א גוט שטיק פלאץ אפגעגעבען צו אמעריקא, איבערהויפט די פאראייניגטע שטאאטען, און די רומענישע צייטונגען פלעגען אויך ערשיינען אמעריקאנער נייעס און א סך האבען נאכגעמאכט די קאריערע פון רוזוועלט און אנדערע וויכטיגע אמעריקאנער פערזענליכקייטען און די „סטענדארד אויל קאמפאניע" האט דארט געהאט א ברענטש און זאנסט פלעגען אמאל אהין קומען אמעריקאנער באזוכער.

זייט רומעניען איז אריין אין דער מלחמה, און איז געווארען איינע פון אונזערע, איז מען דא מעהר און מעהר באקאנט געווארען מיט איהר. און רומעניען איז געקומען אין נעהענטערע באריהרונג מיט אמעריקא. אין דער צייט פון דער מלחמה ווען די „הואווער פוד קאמישאן" האט זיך אונטערגענומען צו שפייזען גאנץ אייראפא, איז זי אויך אנגעקומען נאך רומעניען.

מענשען וועלכע זיינען באקאנט מיט אלע איינצעלהייטען פון דער ארבייט פון דער „הואווער קאמישיאן" האבען מיר דערצעהלט, אז אמעריקא האט אין יענע צייטען זעהר פיעל געהאלפען דעם רומענישען פאלק. מיר האבען געשפייזט כמעט דאס גאנצע לאנד. טויזענדער טאנס ווייץ מעהל האבען מיר אהין געשיקט און פארקויפט מיט קאסט פרייז. די קאמישיאן האט אויך געהאט איהרע אייגענע מענשען צו זעהן, אז די שפייז וואס מיר האבען אהין געשיקט זאל ניט ארייכפאלען אין די הענד פון ספעקולאנטען און פראפיטירערס. „די אמעריקאן רעד קראס" האט דארטען אין א געוויסער צייט אויפגעהאלטען אויף איהר אייגענעם רעכענונג צוויי הונדערט פאלקס-קיכען אין אלע טיילען פון דעם לאנד. די זעלבע ארגאניזאציע האט געגעבען דעם בוקארעסטער אוניווערזיטעט צוויי טויזענד פאר שיך, און די זעלבע צאהל „פלאנעל שירטס" און א סך אנדערע זאכען פאר די סטודענטען. עס איז ווערט דא צו באמערקען אז כאטש עס זיינען געווען זעהר הונדערט אידישע סטודענטען האט מען זיי נאר געגעבען דרייצעהן פאר שיך, די אידישע סטודענטען האבען פראטעסטירט און ווען דאס האט ניט געהאלפען, האבען זיי געמאכט א „קאמפלאינט" צו דעם דירעקטאר פון דער „רעד קראס". ווען די פראפעסארען האבען עס אויסגעפונען זיינען די אידישע סטודענטען באשטראפט געווארען פאר דעם וואס זיי האבען זיך געקלאגט פאר פרעמדע — כאטש שיך אבער האבען זיי ניט געקראגען. „די רעד קראס" האט אויך טעגליך באזארגט טויזענדער רומענישע קינדער מיט מילך און האט אויפגעהאלטען הונדערטער מילך סטאנציעס. א חוץ דעם, האט אויך די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע אהין געשיקט איבער א פערטעל מיליאן דאלאר און האט געהאט עטליכע אייגענע מענשען צו טון די ארבייט א שטעלע עטליכע מיליאן דאלאר האבען מיר פארספענדעט אויף רומעניען און ניט צו פארדינען אדער צו ערווארטען, אז מיר זאלען דאס צוריק קריגען.

האבט זיך אונטער די אומשטענדען וואלט רומעניען באדארפט זיין דאנקבאר צו אמעריקא פאר דער פרייוויליגער און צייטליכער שטיצע וועלכע האט זי געראטעוועט פון הונגער און נויט.

הייבט זיך אפילו ניט אן, און געגענטייל, אמעריקא איז „קארדזשיאלי הייטעד" דאס הייסט, גוט פערהאסט. עס הערשט דארט א שטארקער געפיהל פון שנאה און קנאה צו אמעריקא. ווען איך האב דאס באמערקט — און באמערקט האב איך דאס זאפארט ביי מיין אנקומען אין רומעניען, בין איך געווען שטארק ערשטוינט.

איך האב בעשלאסען אויסצוגעפינען די אורזאכען, און אויך ווער עס איז שולדיג אין דער שאפונג פון דער שטימונג געגען אמעריקא.

עס איז נויטיג דא צו ערקלערען, אז די רומענישע בויערן און די אידען, ניט נאר וואס זיי האבען גאר ניט צו אמעריקא, נאר זיי זיינען אונז רעכט דאנקבאר. א סך האבען פאר מיר געלויבט די אמעריקאנער און זייער ברייטהערציגקייט, און האבען ניט געהאט גענוג ווערטער אויסצודריקען זייער דאנק. א סך האבען מיר אויך געזאגט, אז ווען ניט די אמעריקאנער שטיצע וואס זיי האבען געקראגען וואלטען זיי שוין לאנג געווען אויסגעגאנגען פון הונגער. די אידען האלטען אין איין בענטשען אמעריקא מיט כאראקטעריסטישע אידישע ברכות, דאגעגען אבער די אפיציעלע קרייזען און די רומענישע קויפלייט פון די גרויסע שטעדט און שטעדטלאך זיינען אויף אונז פלאם פייער.

אין די אפיציעלע פאליטישע און רעגיערונגס קרייזען זיינען פארהאן דריי אורזאכען פאר דעם האס געגען אמעריקא. דער האס ווערט אויסגעדריקט דורך די צייטונגען און אין א טייל פון זיי ווערט אנגעפיהרט אן אפענע פראפאגאנדע געגען אמעריקא און אויך פיהלט זיך דער האס ווען מען רעדט וועגען אמעריקא אדער איהרע אקטיוויטעטען.

די געוועזענע בראטיאנו רעגיערונג און די פיהרער פון דער ליבעראלער פארטיי זיינען שטארק פערביטערט געגען אמעריקא. בראטיאנו אליין ווי אויך פרינץ דע וואדא דער יעצטיגער פרעמיער, און ביקאלאס מישו, דער צווייטער רומענישער דעלעגאט ביי דער פריעדענס קאנפערענץ, האבען זיך נאך אין פאריז פאר באקלאגט געגען אמעריקא און האבען באהויפטעט, אז די אמעריקאנער פארטרעטער זיינען אימער געווען געגען רומעניענס פאדערונגען. אויך האט זיי ניט געשמעקט וואס אמעריקא האט זיך געמישט אין דער אידישער פראגע. די מינאריטעטען פאראיבערונגען פון דער עסטרייכישער טריטי, וועלכע רומעניען האט דא ניט לאנג אונטערגעשריבען אונטער צוואנג און פראטעסט, האבען זיי איבערהויפט באטראכט אלס אן אמעריקאנער אויפטו, און אז דאס איז ספעציעל געצילט געווארען געגען רומעניען און איהרע אינטערעסען. און רומעניען אליין האט דער עניג און אנדערע רומענישע שטאאטסמענער בעהויפטעט, אז רומעניען'ס דיפלאמאטישע נידערלאגע ביי דער פאריזער קאנפערענץ [illegible] געווארען דורך דער איינפלוסרייכער שטעלונג פון אונזערע דעלעגאטען.

געוויס האבען זיי געהערט די פראי [illegible] טיש און מיט שעהנע ווערטער, און [illegible] בען זיך אויסגעדריקט פון ברייטען פאר [illegible] צענדע אדער באליידיגענדע אויסדר[illegible] אבער ביטערקייט און האס געגען אמ[illegible] לא האט זיך געקענט פיהלען און איך ה[illegible] דאס ממש געקענט אנטאפען מיט די הענ[illegible] זיי האבען מיך בלומרשט געפרעגט [illegible] וואס איז ווילסאן געגען רומעניען? [illegible] וואס וויל ער דוקא זיין געגען די אינטערעסען און פרייהייט פון אן עליין, [illegible] די צייטונגען האבען אבער שוין גאר ניט קיין דיפלאמאטישע ווערטער גע[illegible] ברויכט. אין דער צייט ווען איך בין דארט געווען זיינען ערשיינען ערטיקלען אין עטליכע פון די וויכטיגסטע רומענישע טעגליכע צייטונגען אין וועלכע אמעריקא און איהר פארטרעטער פון [illegible] ריז זיינען שטארק אטאקירט געווארען. אין צייטונג „די אפיניא" פון יאסי [illegible] אפגעדרוקט א דראהענדען ארטיקעל [illegible] גען אמעריקא אונטער דעם טיטעל „[illegible] אמעריקאנער אימפעריאליסטישע גע[illegible] פאהר" אין וועלכען זי האט באהויפ[illegible] אז אמעריקא'ס אינטערעסען זיינען א [illegible] פאהר פאר רומעניען, אז מיר ה[illegible] בדעה צו פארכאפען רומעניען'ס רייכ[illegible] א. ז. וו. אין האט אויפגעפאדערט, [illegible] דאס לאנד זאל זעהן זיך שיצען געגען [illegible] כמעט אלע פאליטישענס אהן אן אויס[illegible] נאהמע זיינען געגען אמעריקא און פ[illegible] צו איהר שנאה און האס.

א צווייטע אורזאכע פאר דעם [illegible] ליגט אין דעם וואס די פארטרעטער [illegible] „הואווער קאמישאן" האבען ניט געוו[illegible] מאכען מיט די רומענישע פאליט[illegible] און קויפלייט קיינע ליגקע ביזנעס [illegible] די שפייזען. עס איז געווען א גוט[illegible] לעגענהייט צו פארדינען א שיינע [illegible] מיליאנען פראנק ביי דעם געשעפט, [illegible] די אמעריקאנער האבען דאס ניט דער[illegible] לאזט. די חברה האבען פשוט ניט [illegible] קענט פארשטעהן, אז מיר האבען [illegible] שיקט אהין שפייז כדי צו לינדערן [illegible] גרויסע נויט און ניט צו מאכען [illegible] טען. פאר די אמעריקאנער שפייז דיק[illegible] טארען האט קיינער פון זיי ניט גע[illegible] גוט ווארט, און אום צו שאפען א [illegible] געגען זיי, האט מען באהויפטעט, [illegible] אונטער דער פילאנטראפיע ארבייט [illegible] באהאלטען א קאנספיראציע געגען [illegible] טימער פון דער לאנד.

די דריטע אורזאכע איז א פסיכא[illegible] גישע. מענשען וועלכע זיינען אליין [illegible] הערציג און טוען גאר ניט אהן [illegible] פארדינען אדער צו מאכען א געשע[illegible] אדער אן עקספלואטאציע, האבען [illegible] ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי מיר [illegible] בען אויס מיליאנען דאלארס אהן א [illegible] וואס. דאס פאלק אליין האט אויך [illegible] פרעגט פארוואס טוט די רעגירונג [illegible] נאר ניט פאר זיי — און ווילד [illegible] מענשען זיינען געקומען זיי העלפען.

מיט דער צייט האט מען די [illegible] באדארפט ענטפערען און דער ענטפער [illegible] געווען, אז דאס וואס אמעריקא טוט [illegible] נאר א מאסקע פאר רויבערישע פלענער [illegible] וואס אמעריקא האט אויף רומעניען. [illegible] אמעריקאנער ווילען ארייכאפען אין זיי[illegible] ערע הענד די אויל אינדוסטריע פון דעם לאנד. די אמעריקאנער זוכען קאנצעסיעס [illegible] עס פאר מיינס א. ז. וו. מיט דער צ[illegible] האט מען געשאפען א שטימונג, אז [illegible] דער אמעריקאנער וועלפערד-וואורקער [illegible] איז א אינדוסטריעלער שפיאן און [illegible] ריקאנער מיזשאר, וועלכער איז מיט [illegible] געפאהרען פון בוקארעסט נאך [illegible] האט מיר געצייגט א בריעף פון דעם [illegible] יעצט צייט מיניסטער פון אינדוסטריע [illegible] קאנסטאנטינעסקו, וועלכער איז כאראק[illegible] טעריסטיש-רומעניש און צייגט [illegible] פארטרויען די רומענישע רעגירונג [illegible] האט געהאט אין אמעריקא און אין איה[illegible] אויפריכטיגקייט. דער מיזשאר האט [illegible] קראגען אן אויפטראג צו אפערירען [illegible] רומענישער רעגירונג מצד דער אמע[illegible] קאנער רעגירונג — דורך איינע פון [illegible] זערע קאמישיאנס, אז א סירוועי זאל [illegible] מאכט ווערען איבער דעם אינדוסטריע[illegible] צושטאנד פון דעם לאנד. דער [illegible] האט געלויטעט אונגעפעהר, אז [illegible] שע קאמישיאנס זאלען אפאינטער[illegible] צו טון די ארבייט און, אז מיר [illegible] שטעלען אויף אונזער חשבון עקספ[illegible] און אינזשינירס וועלכע וועלען זיי [illegible] העלפען, און אויך זיי צייגען און ל[illegible] נען ווי אזוי צו ענטוויקלען און [illegible] ענטוויקלען די אינדוסטריען פון דעם לאנד. דער ענטפער איז געווען געשריבען [illegible] אויף פראנצויזיש. ערנסט העפליך [illegible] דער מיניסטער געדאנקט אונזער רעגירונג פאר דעם אפער, צו דער זעלבער צייט אבער וויל ער וויסען [illegible] אמעריקא באצוועקט דערמיט, [illegible] עקספערטען זיינען, וואו זיי האבען [illegible] לערנט, ווער וועט זיי אפאינט[illegible] ווער וועט אורטיילען צו די לייטע [illegible] עקספערטען. דער שלום האט כמעט [illegible] ווער וועט זיי אפאינטע[illegible]

(פארזעצונג אויף זייטע 6)

אין דער וועלט אריין

פון נ. בריק.

דאס אלטע יאהר, וועלכעס קלויבט זיך שוין אין וועג אריין, דערמאהנט מיך אין דריי זאכען; אין ראזשינקע וויין, אין א יאהודי און אין בין השמשות.

אויף ראזשינקע וויין קאנט איהר בשום אופן נישט זאגען, אז דאס איז וואסער, ווייל מען מאכט דאך דאריבער הגפן, פראוווט זשע זייט א בריה און ריפט עס ווין, א נעבטיגער טאג, ווייל וויפיעל איהר זאלט נישט טרינקען, ווערט איהר בגלילופין נישט ווערען. אויף א יאהודי קאנט איהר נישט זאגען אז ער איז קיין איד נישט, ווייל ער פארמאגט דאך פארט צוויי און א האלב פראצענט אידישקייט און דאך האט ער מיר א טעם — ווי ראזשינקע וויין. אויף א „בין השמשות" קאנט איהר נישט זאגען, אז ס'איז נאכט, ווייל לויט'ן זייגער איז עס נאך טאג. און טאג איז עס דאך אודאי נישט, ווייל איהר זיצט דאך אין דערפינסטער און זאגט גאט פון אברהם, און דאס אלטיטשקע יאהר איז עפעס אויך גאר קיין יאהר נישט געווען. נישט אהין נישט אהער, נישט קיין מלחמה, נישט קיין שלום, נישט קיין ריכטיגע רעוואלוציעס, נישט קיין אמת'ע קאנטער-רעוואלוציעס. די רעאקציע איז קיין רעאקציע נישט, דער ראדיקאליזם קיין ראדיקאליזם נישט, דער באלשעוויזם — אביסעלע מענשעוויזם — נישט; די מענשעוויקעס — אביסעלע באלשעוויסטיש, נאר ביסעלאך, און בהעקדש לאך, פע, חלשות, נאר מיט איין זאך האט עס זיך יא איינגעצייכענט, מיט א גראמאטער, אמת'ע 100 פראצענטיגע פאגראמען, מיט א סך רדיפות און אן אנדערע אנטיקעניישען אויף אונזערע אידישע קעפ.

יעדען ווילט זיך נאר פליהען הויך, אפילו די פאקען קריכען אויף אין די הויכע פענסטער.

זיי, די פאקען הייסט עס, זענען אויך שטארקע פאטריאטען, צו קיין „פארוינער" ווייל דאס נישט ארייניעמעקען, הקואי אויף תמיד רבש"ע.

ווי באקד אז זייער קריסטמאס פאלט באלד נאך אונזער חנוכה, וואלט אפשר געווען א סברה אז אונזערע צרות זאלען זיך ענדיגען אין . . . וואס זשע מען דארף איך שוין א פענער אונ-ווייל אריינלעגען?

ענגלאנד געפינט זיך יעצט צווישען דריי פייערען; ירושלים, „פייערט" דעם צווייטען יאהרעספעסט פון ענגלישער הערשאפט, עגיפטען, „פייערט" פאר איהר מילנערס קאמישאן; און אז אירלאנד „פייערט" איז דאך שוין אפגערעדט....

א גרויסע שניידער פירמע אין א געוויסען שטעדטעל האט אויסגעלעגט א געוויסען פאנד אויף א געוויסען פראצענט וועלכער זאל געהן אויף צו שטיצען די ארבייטער אין פאל פון קראנקהייט, דערביי האט אבער די פירמע נישט פארגעסען ארייננושטעלען איין פונקט, אז אויב איינער איז קראנק מעהר ווי דריי טאג, האט די פירמע דאס רעכט אן אנדערע ארבייטער אויף זיין ארט אנצושטעלען, און א צווייטען פונקט אז פאר דער ערשטער וואך איז מען צו קיין שטיצע נישט בארעכטיגט.

שטימט

ה. ווינבערג

אלס אלדערמאן פון וואַרד דריי

שטימט און ערוועהלט

ראמסדען

פאר

קאנטראלער

פאר 1920

דאס איז א מאן וואס איז ווערט אייער וואוט און סופארט. דאס איז א מאן וואס האט זיך פארדינט אייער וואוט און סופארט. דאס איז א מאן וואס האט געגעבען זיין צייט און סופארט. אייער וואוט און סופארט איז העפליך געבעטען צו ערוועהלען

שטימט פאר ליוטענאנט-קוירנעל

דזשעסי רייט

פאר קאנטראלער

שטימט און ערוועהלט ווידער פאר מעיאר

ט. ל. טשורטש

מיט נאך א טערם דעם מאן וואס פארדיענט אייער צו-טרויען — ערוועהלט פאר מעיאר א מענש וואס איז דער פאלקס-קאנדידאט

וואַרד פינף

ערוועהלט מעקטעגערט

פאר דער באארד און עדיוקיישאן

שטימט מעגווייער

פאר קאנטראלער

און איהר וועט וויסען אז איהר האט אין דער באארד אף קאנטראל א מענשען מיט פיעל ערפאהרונג אין שטאטישע אנגעלעגענהייטען.

זעהט אז מעגווייער זאל זיין — "העד אף דהי פול".

שטימט און ערוועהלט

לאיער

דזש. סינגער

אלס אלדערמאן

פון וואַרד פיער

וועהלער פון וואַרד 7

ערוועהלט ווידער

אלדערמאן

וועטטערס

פאר 1920

שטימט

אין וואַרד 3

אלס אלדערמאן

דזשיי וו.

ביטי

פערזאנען פאר וועלכע איהר דארפט שטימען

פון דעם גאנצען צעטעל קאנדידאטען, וואס לויפען יעצט פאר שטאטישע עמטער, זענען דא פיעלע פערזאנען, וועלכע פארדיענען אלעמענס שטיצע, און זיי דארפען ערוועהלט ווערען.

פאר דער באָרד אף קאנטראל דארף א מענש ווי רעמסדען ערוועהלט ווערען אלס ערשטער. רעמסדען איז א מענש מיט ליבעראלע אנשויאונגען, מיט א לאנגער ערפאהרונג אין קאנסיל, און ער וועט זיכער זיין א גאראנטי פאר א גוטער שטאטישער רעגירונג.

מעגווייער און באל זענען נאך צוויי פערזאן, וועלכע פארדיענען געשטיצט צו ווערען פאר דער באארד אף קאנטראל, ביידע האבען ערפאהרונג, איינער אלס אלדערמאן און דער צווייטער אלס קאנטראלער, און מען מעג זיי אנפארטרויען די שטאטישע געשעפטען.

אנדערע צוויי גוטע קאנדידאטען פאר קאנטראלערס זענען דזשיימס סימפסאן און קוירנעל דזשעסי רייט. דער ערשטער איז א באקאנטער ארבייטער פיהרער, און דער צווייטער איז פאפולער צווישען פיעלע שיכטען.

פון די פינף פערזאן, קענען ערוועהלט ווערען פיער גוטע קאנדידאטען פאר דער באארד אף קאנטראל.

פאר אלדערמען דארפען ווידער ערוועהלט ווערען אין וואַרד פינף פליומען, אין וואַרד דריי מאגרידזש — ביידע האבען ערפאהרונג אין׳ם קאנסיל, און זיי וועלען פיעל בייטראגען צום קאנסיל פון 19

אין וואַרד פינף דארף אויך ערוועהלט ווערען אלס אלדערמאן חוץ פליומענ׳ען אלבערט העקער, וועלכער פארדיענט שטיצע פון די וועהלער.

קוויטירונג

ביי א בר מצוה ביי מר. און מרס. עלקין 438 דאנדעס וועסט פון זייער זוהן מאריס איז געזאמעלט געווארען $33.05 די געלט איז געבראכט געווארען אין ציון אינסטיטוט צום מיטינג דורך מרס. ר. י. ראבינסאן אף האמילטאן א סומע צום בר מצוה, מר. קאהן האט בעצאהלט אז מרס. ראבינסאן זאל ברייננען די געלט צום אוקראינער פערבאנד.

ביי א סעודה דחברה קדישה קאנג. שערי צדק 29 סענטער עוועניו איז געזאמעלט געווארען 50 דאלאר פאר די אוקראינער מלחמה קרבנות, אין נאמען פון די אוקראינער פאראמירטע מלחמה קרבנות ווינשען מיר אלע מנדבים גליק און פריידע. פאר דער פרעס קאמיטע א. מ. ספיין פינאנס, סעק. 186 דזשאהן סטר.

9788—1—1

בירגער פון וואַרד דריי

ערוועהלט מרס.

ל. א. האמילטאן

פאר אלדערמאן

האט געוואלט ברענגען דעם צאר

עס ווערט אויך געמאלדען דאס זיין מפלה איז געקומען דערפון וואס ער האט מיט אן אייזערנער האנט באקעמפט אירגענד וועלכע פארלאנג אויף דעמאקראטישע איינריכטונגען און האט געוואלט איינפיהרען א נייעם צאריזם און כאטש א פאן-רוסישען רעזשים אלע האבען אים דערפאר באקעמפט.

ניטא קיין פאספארטען צו פאהרען צו באלשעוויקעס

לאנדאן דעצ. 31

די פארלאמענט קאמיסיע פונ׳ם טריידס און לייבאר קאנגרעס האט היינט אריינגעגעבען א פארלאנג אויף פאספארטען פאר דער קאמיסיע וואס איז בשטימט געווארען צו פאהרען אין דעם סאוועטען רוסלאנד צו באקאנען זיך מיט די דארטיגע צושטענדע.

די רעגירונג האט געענטפערט אויף דער בקשה דאס זי קאן נישט געבען קיין פאספארטען צו א לאנד מיט וועמען זי האט נית קיין איינציגע דיפלאמאטישע פארבינדונגען.

אידען פון וואַרד 4

שטימט און ערוועהלט לאיער

דזש. סינגער

אלס אלדערמאן פון וואַרד פיער

שטימט פאר׳ן ריכטיגען מענשען

באָרד און עדיוקיישאן

ווידערערוועהלט

דזש. מעקלעלאנד

מעקברייד

פאר

מעיאר

אין 1920

וואוט פאר

דזש. מ. ראוז

פרעזידענט פון דער האנטער-ראוז קאמפ. לימיטעד.

אלס אלדערמאן אין וואַרד 3

אין וואַרד 5 שטימט פאר

וואוט פאר

PLEWMAN

FOR ALDERMAN

און נידער מיט ציטונגס דעספאטיזם

שטימט היינט

פאר אייער פריינט

ראסעל נעסביט

פאר אלדערמאן אין וואַרד 4

איהר ווערט געבעטען צו ווידער ערוועהלען

אלדערמאן ריסק

אין וואַרד 2

ציוניסטישע [illegible] דער גאנצער וועלט

א העברעאישער בוך פאר'ן געוועהנליכען געשפרעך.

די לעצטע גרויסע ענטוויקלונג אין דער ציוניסטישער באוועגונג האט אריינגעבראכט ביי די אידישע מאסען אין אמעריקא דעם פארלאנג פאר העברעאישע ביכער, וועלכע זאלען ערמעגליכען דאס אויסלערנען פון דער העברעאישער שפ[ראך] אין א קורצער צייט.

דער ערציהונגס - אפטהייל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן אין אמעריקא האט דאריבער איינגעטרעטען צו לאזען דרוקען אין העברעאישען לעהרער ״בוך פאר'ן געוועהנליכען געשפרעך, מיט ענגלישע און אידישע איבערזעצונגען. דער בוך איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון דעם באוואוסטען העברעאישען שריפטשטעלער דניאל פערסקי, מיט דער מיטארבייטערשאפט פון מר. עמנואל גאמאן, ערציהונגס - דירעקטאר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

דער בוך ענטהאלט די נויטיגע ווערטער, פראזען און אויסדריקע פאר'ן אלטעגליכען באנוץ.

דער בוך איז יעצט אין דרוק און וועט ערשיינען אין גיכען.

* * *

אין ארץ ישראל וואך אין מזרח גאליציען.

די בעאמטע פון דעם מזרח - גאליציען נאציאנאל - פאנד האבען לעצטענס פאראנשטאלטעט אן א״י וואך איבער גאנץ מזרח - גאליציע. די הכנסה געהט אין גאנצען פאר דעם מזרח - גאליציאנער קאלאניע אין א״י.

* * *

ארץ ישראל בעדייטונג פון ספעציאליסטען אין ווארשא.

אין ווארשא איז לעצטען אקטאבער אבגעהאלטען געווארען א צוויי־טאגיגע קאנפערענץ פון ארץ ישראל ספעציאליסטען, אונטער דער פארזיצונג פון הערר לעוויטע (פיהרער פון ארץ ישראל אמט). דער לעצטער האט אין זיין ערעפענונגס רעדע ערקלעהרט דאס אלס ערשטען דארף מען באשטימען א ארבייטס פראגראם פאר דעם אמט. עס דארף באטראכט ווערען די פראגע וועגען די חלוצים און דאס גרינדונג פון עמיגראציאנס געזעלשאפטען.

אגראנאם האיקין בעטאנט דאס טייזענדער אידען ווילען די ערשטע צייט אין ארץ ישראל זיך דארפען פארנעהמען מיט פראדוקטיווער ערד ארבייט, און עס איז דאריבער נויטיג דעם ערד ארבייטער קלאס צו פרעפערירען אם. שנעלסטען און די בילדונג מוז שטאפירען אם פלאץ, ווייל א״י באזיצט נאך ניט די נויטיגע אגריקולטורעלע אנשטאלטען.

אגר. פייגען זאגט דאס פון פראקטישען שטאנדפונקט איז טאקע נויטיג דא צוגרייטען די ערד ארבייטער, אבער דא שטעהט פאר די ספעציעלע פראגע, צו וועלען די חלוצים, וועלכע דארפען ארבייטען אין די קאלאניעס, קענען קאנטראלירען מיט'ן ארבייטער? ער רעכנט אז גרינדען פערמע און אגריקולטורעלע ערציהונגס אנשטאלטען איז ניט נויטיג אלס א קורצע פארבערייטונג פון א דריי וואכען איז גאנץ גענוג זיך צו באקענען מיט דער ארבייט. מען דארף נאר אויסקלייבען די, וועלכע זיינען אם מעהרסטען פעהיג פאר ערד ארבייט, זיי ארגאניזירען אין ארטעלען און הירד זיי שאפען דעם באזיס פאר קליין קאלאניזאציע אין ארץ ישראל אויף קאאפעראטיווע יסודות, אזוי אז יעדער פון זיי זאל קענען זיין גאנץ אונאבהענגיג.

אגר. אפענהיים איז מיט דער מיינונג אז מען מוז יא דא צוגרייטען די ערד ארבייטער, רויהע אונערפאהרענע פענשען וועלען נור שאדען ברענגען.

אינזש. גאלדוואסער הייסט שאפען א צענטראלען אנשטאלט וואס זאל מאכען עקספערימענטען פאר די חלוצים, די ערשטע ידיעות דארפען זיין אין גערטנעריי.

גערטנער גוטאווסקי שלאגט פאר דאס שאפונג פון שטאטישע פערמעס, וואס זייערע בייטיילענדע זאלען קענען אויסגענוצט ווערען אין דער ראיאן פערמע. וועלכע וועט זיי געבען טעארעטישע אויסבילדונג אין אגריקולטור און גערטנעריי.

יוסף העפטמאן: יעדע פערמע איז א געשעפט. עס זיינען דא הוצאות אבער אויך גרויסע הכנסות. מיר מוזען דא שאפען א פרוזדור פאר א״י און צוגרייטען די פסיכאלאגיע פון'ם אימיגראנט.

מעדאמינסקי גלויבט ניט אין די פראפיטען פון די פערמעס. דאס צוגרייטען פון ארבייטער פאר ארץ ישראל דא, פארלאנגט ריזיגע אויסגאבען און דאס צוגרייטען דאנאר אין דער קלענסטער פארמע איז ניט נויטיג. עס איז פיעל מעהר ווינשענסווערטה די קאפיטאלען צו אויסגעבען אין א״י, אנשטאט פאר פערמעס.

הערר כפחא (וועלכער איז ניט לאנג געקומען פון א״י) צייגט איבער דורך פעלע אין ארץ ישראל דאס פערמע און אגריקולטור שולען זיינען איבעריג צוצוגרייטען דעם ארבייטער. א״י דארף אידעאליסטישע ארבייטער און ניט קיין אגריקולטור שילער. עקספערטען, משגיחים א. א. וו. ער ראטה דאריבער די חלוצים זאלען פראקטיצירען איינפאכע ערד - ארבייט פאר ווייניגסטענס א יאהר צייט ביי פשוט'ע פויערען.



RAW FURS

צו די סיטי און קאנטרי אידען

האט איהר רויע פוירס

מינק, סקאנק, ראקאון, ביווער און זא ווייטער

מיר צאהלען די העכסטע פרייזען ראיעלע בעהאנדלונג גאראנטירט

אויב איהר ווילט געלט מאכען אין אייערע רויהע פוירס ברייננט אדער שיקט זיי צו

The LEVIN FUR Co.

172 King St. East Toronto

קאר. קינג און דזשארוויס געוועזענער באנק בילדינג

PHONE MAIN 3550

עס ווערט פארלעזען א בריעף פון אגר. עטינגער פון א״י, וועלכער ערקלעהרט דאס די שילער פון אגריקולטור שולען אין גלות וועלען בשום אופן ניט קענען דינען אלס עקספערטען. די ארטיגע ארבייטער מיט זייער פראקטיק ווייסען פיעל מעהר פון זיי. עס וועט זיי דארפען נעהמען א פאאר יאהר פון פראקטישע ארבייט ביז זיי וועלען זיין אין שטאנד צו ערגרייכען זייער ציעל. די אגריקולטורעלע ארבייט פון די פערמעס האט דאך א גוף, ווייל אין ארץ ישראל איז נאך ניטא דער באדען איינצוארדנען אזא לעהרע. דאס איז אליין גוט אויב זיי ווייסען פראוויזאריש אין די ארבייט צוגעפאסט צו די באדערפעניסען פון די חלוצים וועלכע גרייטען זיך פאר ארץ ישראל.

אגר. ווילקאנסקי, זאגט אין זיין בריעף פון לאנדאן דאס דער סארט אגריקולטור פון שולען פון אויסלאנד איז ניט צוגעפאסט צו אונזערע פארהעלטנישע שוהלען ווערען ניט נויטיג, ווען עס איז ניט מעגליך פאר די חלוצים צו ארבייטען אויף פריוואטע פערמעס דאן זאל מען שאפען קליינע חלוצים פערמעס, וואו דער חלוץ זאל זיין א ארבייטער, און מען וועט דאדורך זיך קענען איבערצייגען פון זיינע פעהיגקייטען, אין ערד ארבייט.

זייטשיק: דער החלוץ און שילער פון אגריקולטור שולען זיינען צוויי באזונדערע זאכען. מיר ווילען נאר דער פאלעסטינא אמט זאל העלפען די פערמעס, דאס פארבערייטונג פון דער ארבייט און גרינדען גרעסערע פערמעס, געהערט דעם החלוץ.

אינזש. אווין: מען דארף פאר אונזערע יונגע לייט קריגען ארבייט פון וועלכער זיי זאלען קענען מאכען א לעבען און אין דער זעלבער צייט אויך ווערען עקספירענסד אין זייער פאך, און זיין גרייט פאר איטער אפשיקען זיי נאך א״י אלס פשוט'ע ארבייטער. מען דארף נעהמען אין אכט די בוי ארבייט.

דר. ראזענבלום: מען דארף רעדען נאר פון מעגליכקייטען. עס איז נויטיג צו קריגען קאפיטאליסטען, וועלכע זאלען זיין ווילינ צו אינוועסטען קאפיטאל אין די פערמעס אויף א קליינעם ריווח.

די פאלגענדע רעזאלוציעס זיינען אנגענומען געווארען:

א) פארברייטען ישטענדיגע ערד ארבייטער עלעמענטען פאר א״י.

ב) דער א״י אמט דארף זעהן איינארדנען ביי לאנדווירטשאפט אין די עקזיסטירענדע אידישע ארבייטס און שוהל פערמעס, א גרעסערע צאהל ארבייטער.

ג) דער א״י אמט זאל שטיצען דעם החלוץ אין דער רעאליזירונג פון זיינע ציעלען:

ד) דער א״י אמט העלפט מיט דער ארגאניזירונג פון לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעהמונגען און ארבייטער ארטעלען.

ה) דער א״י אמט זאל זעהן ווירקען אויף די פארשיעדענע ארגאניזאציעס זיי זאלען פארשפרייטען לאנדווירטשאפט צווישען דער אידישער באפעלקערונג.

ו) דער ארץ ישראל אמט דארף אויסליהען געלט פאר ערד־ארבייט און צוגרייטונגס ליטעראטור.

ז) גרינדען א ״חלוץ - הקים״. אויסלערנען באפען פיש און שיפעריי. דאס איז זעהר וויכטיג פאר ארץ ישראל.

אגר. פייגען זאגט אז אום צו ברענגען ארדער אין דער עמיגראציאנס פראגע דארף געשאפען ווערען איבערזידלונגס - קאאפעראטיווען פון די ארבייטער, וועלכע פאהרען נאך ארץ ישראל. די יסודות פון דיזע קאאפ. זיינען פאלגענדע:

א. ארגאניזירען אלע עלעמענטען פעהיג פאר פיזישע ארבייט.

ב. איהר אויפגאבע איז צו ערמעגליכען די עמיגראציאן נאך ארץ ישראל פאר די בעסערע און פעהיגערע חברים און צוריקהאלטען די עמיגראציע פון אונגעוואונשטע עלעמענטען.

ג. יעדער מיטגליעד צאהלט איין א געוויסע סומע אין ראטעס אויף די הוצאות פון זיין שפעטערדיגע עמיגראציע.

ער זאגט אויך אז אין פאל ניט אלע מיטגליעדער וועלען די ערשטע יאהרען קענען פאהרען נאך ארץ ישראל וועלען די קאאפ. פארוואנדעלט ווערען אין טעמפאראדישע ווירטשאפטליכע קאאפ. אין גלות.

דר. ע. לעווין, האלט א רעפעראט איבער דער ארגאניזירונג פון דיזע קאאפ. און שלאגט פאר א רייהע פאראגראפען פאר די תקנות פון די קאאפ.

נאך א רייהע דעבאטען ווערט אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע:

דער א״י אמט טרעט צו ארגאניזירען איבערזידלונגס קאאפ. פאר א״י, אין דיזע קאאפ. ווערען אריינגענומען די אלע וואס זיינען גרייט צו פאהרען נאך ארץ ישראל און האבען א פראפעסיע, אדער ווילען און קענען טון פיזישע ארבייט אין ארץ ישראל.

עס ווערט אויך אנגענומען אינזש. אווין'ס פארשלאג דער פאל. אמט זאל גרינדען קורסען פאר בוי - ארבייט, אום צוצוגרייטען בוי מייסטער פאר ארץ ישראל.

הערר לעווין שליסט דעם קאנפערענץ מיט א דאנק צו אלע אנוועזענדע פאר זייער ארבייט לטובת דעם א״י רעיון.

* * *

קאנפערענץ פון דייטשע ציונים אין בערלין.

לעצטען נאוועמבער איז אין בערלין פארגעקומען א קאנפערענץ פון אלע דייטשע ציונים אונטער דער פארזיץ פון דר. האנטקע. דער לעצטער האט שטארק פראטעסטירט געגען די באשרענקונגען פון דער ענגלישער רעגירונג פאר די דייטשע ציונים.

עס איז באשלאסען געווארען צו שאפען א פאנד פון 40 מיליאן מארק פאר צוגרייטען האנדעל און לאנדווירטשאפט פאר א״י.

HOW TO BECOME A REAL MUSICIAN?

Prof. Michael Angelo

By taking lessons at Michael Angelo's music school Maestro Michael Angelo will guarantee you a sure success of becoming a real Violin, Mandolin, Cornet. Saxphone player or any other wind and String instruments, also the same Michael Angelo's patient of teaching children to play Violin is not to be compared with any other teachers. So be sure to telephone or come personally regarding your child's music education as Sig: Michael Angelo is the only teacher that takes real interest in them, „and be aware of fakers"

Studio at Alhambra Hall 450 Spadina Ave. near College St

Tel. Col. 17

(פארזעצונג פון פירוש 4)

אונז צוזוה, מיר וועלען שוין אליין אונזער שטעדטיל באשטעהן.

די רעגירונג האט פשוט ניט געקענט פארשטעהן, אז אמעריקא האט איהר געוואלט באמת העלפען — און האט דעם פארשלאג צוריקגעוויזען אויף א באליידיגענדען אופן, אבער מיט א זעהר העפליכען ברויגז. איך בין איבערצייגט, אז מיר האבען ניט ערהאלטען קיין דאנק פון רומעניען. איהר האס און שנאה האבען מיר אבער געוויס ניט פארדיענט. נו, צווישען א סך אנדערע וואס מיר טראגען אויף אונזערע ברייטע שולטערן, וועלען מיר דאס אויך קענען מיטטראגען און עס וועט אונז ניט שאדען.

ווילט איהר מאכען געלט

קויפט

דייטשע מארקס

רומענישע לייען

עסטרייכישע קראנען

מיר פערקויפען דיזע געלד צו די ביליגסטע פרייזען און אויף לייכטע אפצאלונגען

קומט אריין פאר אינפארמיישאן

גארפינקעל

153 קווין סט. וועסט

סעש'ס דזשועלערי סטאר

פון 145½ קווין סטריט וועסט

ספעשעל בארגיינס אין דיימאנד רינגען, לאוועלירס, גאלד וואטשעס, 14 קערעט טשיינס, סילווער סעטס נייע סטיילס, לייכטערס, קאט גלעס, אויך גראמאפאנס און רעקארדס. ווי אויך פערשידענע פרעזענטס אייוועריי סעטס. יעדעס ארטיקעל געווים ביליגער ווי אין די גרעסטע סטארס איהר מעגט זיך ערלויבען און קומען זעהן אונזער סטאק. פערשפעטיגט ניט און קומט גלייך.

אייער פריינט קעש

145½ קווין סט. וו. טעלעפאן עד. 3588

ליוויי און פעלדמאן

545 קווין וועסט

מיר מאנופעקטשורען טשילדרען קאוטס און סוטלעך פאר באיעס און מיידלאך, און מיר פערקויפען און מאכען אייך צום ארדער דיטייל און האלסייל. טעלעפאן אדלייד 4792.

אורין

[illegible]

24 שטונדען

SANTAL CAPSULES MIDY

היט זיך פאר נאכגעמאכטע!

HIPPODROME

די וואך פון 29־טען דעצעמבער

ספעציעלע פיטשער

דזשאן קעפריים און קרייטאן הייל אין ״אה באי״

העגאר און גודווין, אל לעסטער און קאמפ. דזשעק און אירען יונגס, העמלין און מעק, ביבי מערי אספארן קאמעדיע, פעטע פאלארד קאמעדיע.

דר. סלאון האט איבערגענומען דר. שווארצ'ס אפיס

דר. מ. שווארצ'ס אפיס שטעהט יעצט אינטער דער אויפזיכט פון

דר. א. סלאון

דענטיסט

137 בעווערלי סטריט

טעלעפאן קאלעדזש 5483

דער ווינטער קומט

פארגעסט ניט אז יעצט איז די צייט צו קויפען סטאוווס.

קויפט דעם סטאוו, וועלכער ברענט גאז און קויהלען.

קויפט דעם סטאוו וועלכען איהר זעהט דא.

שפארט געלט און ארבייט.

קומט צו

S. LEVINTER

360-362 Queen W.

כשר ווארשט פעקטארי

בהכשר הרבנים הרב ר' יוסף וויינריב הרב ר' יעקב גארדאן

מיר זיינען די איינציגע וואס פאבריצירען אלע סארטען ווארשט און פליישען, בתכלית הכשרות, אונטער א שטרענגער רבנ'ישער השגחה און מיט א שטענדיגען משגיח. לאזט אייך נים נארען! היט אונזער נאמען מיט די נעמען פון די רבנים און דעם משגיח אויף די לייבעלס. ארדערס ווערען געשיקט איבער גאנץ קענעדע.

Kosher Beef Products Co.

664 Richmond St. W.

M. Salkovitch Mgr

Toronto, Ont.

אן אויפרוף

די בעאמטע און קאמיטע פון מושב וזקנים מעלדען מיט גרויס פרייד די טאראנטאר אידען און אומגעגענד, דאס די בילדינג 29-31 סיסיל סטריט איז יעצט פארטיג סאניטאריש. ווי עס פאסט פאר אזא אינסטיטוציע. מיר האבען יעצט א פלאץ פאר אונהיילבארע קראנקע פאר אלטע, און דעסטגלייכען, מיר האבען יעצט א שעהנע שוהל צום דאווענע. מיר האבען אויך פארטיג געמאכט די נייע עקסטענשען בילדונג, וואס ווערט געברויכט פאר א שעהנע דיינינג רום און קיטשען, א שעהנע ווראנדע פאר די אלטע, דאס בילדונג איז יעצט די שעהנסטע אינסטיטוציע פון טאראנטא, און די אידישע פרויען פארדינען דעם גרעסטען קרעדיט וואס זיי האבען אלעס געטאן צו זיין ערפאלגרייך.

יעצט לאדען מיר איין אלע טאראנטאר אידען אויך פון אומגעגענד צו קומען צום

חנוכת הבית

וועלכע וועט פארקומען

זונטאג 2 אזייגער נאכמיטאג

דעם 4־טען יאנואר

אום מיר זאלען זיך אלע פרייען צוזאמען.

פארשיעדענע גוטע רעדנער ווי אויך די שטאדט רבנים וועלען בייוואוינען די ערעפנונג

יעדער איד מיט א אידיש הארץ מוז קומען אין מושב זקנים היינטיגען זונטאג

מיר לאזען אייך וויסען אז מאנטאג אוונט דעם 5טען יאנואר 8 אזייגער וועט פארקומען אן אלגעמיינע פארזאמלונג צו נאמינירען בעאמטע פארן מושב זקנים און מיר בעטען אלע זאלען קומען.

מיט אכטונג

יעקב בעקער פרעזידענט

מרס. גאלדשטיין סעקרעטארין.

LOEW'S

[illegible] יאנג סטריט טהעאטער

[illegible]

די וואך פון 29־טען דעצעמבער

דער שעהנער לייוועגט סטאר

בילי בורק אין ״דהי מיסלידינג ווידאו״

6 הויכע גראד וואדעוויל אקטען לאוס טעגליכע נייעס, מאט און דזשעף קארטונס. די פארשטעלונג איז ווינטערגארדען, וואו אלע סיטס זיינען רעזערווירט איז די זעלבע ווי אין לאוס יאנג סטריט טעאטער.

ספעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטימערס

ארדערט קוילען יעצט און ווארט ניט אויף דער לעצטער מינוט, ווייל שפעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און דאצו וועט איהר נאך ניט קענען באקומען.

THE EATON COAL CO.

Phone Ad. 2696

איטאן קאהל קא.

אפיס 352 קווין וועסט טעל. עדל. 2696

לואיס ס. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק

קאמישיאנער פאר אלע פראווינצען פון קענעדע.

לאא אפיס 154 סימקא סטריט.

טעלעפאן עדלייד 1440

טעלעפאן עדלייד 1441

וואוינונג 433 פאלמערסטאן בולווארד

טעלעפאן קאלעדזש 4366



ספעשעל בארגיינס אין עלעקטריק פיקסטשורס

6 רום הויז פון 10 פיקסטשורס פאר $17.75

און 7 רום הויז פיקסטשורס פאר $19.50

ספעשיל פרייזען פאר עלעקטריק לאמפען

עס ווערט געמאכט אלערליי עלעקטריק ווייערינג און רעפיירס

טעלעפאן מעין 6367

649½ קווין סט. וועסט

די אנטעריא עלעקטריק ווייערינג און פיקסטשורס קא.

ס. ניסענבאם פראפרייטאר